ואז אני מחליקה על חציל רקוב שהירקנים השליכו. למרות שהחלקתי, לא נפלתי. אך לפתע חשתי בסמרטוט רטוב על ראשי, והוא הסתיר את פניי ומישהו מחבק אותי בכוח ומשליך אותי על הארץ. שכבתי חצי מתה... ובכל זאת אמרתי לעצמי: 'אם את נבהלת, את אבודה'. ותוך כדי דיבור עם עצמי, אני אומרת למי שהשליך אותי ארצה: 'זוז מעט הצדה כדי שיהיה לי נוח יותר לשכב.' ואני מדברת אליו, אבל אני מרגישה שעל השוק שלי זוחל איבר חם ונוקשה, והוא מתקדם אל המקום החבוי שלי... אז אני זזה מעט, מתרוממת קמעא, לוקחת את הגועל נפש שזוחל מעל לשוק שלי, רוכנת לעברו ונועצת בו את השיניים...

"זה שאחז בי בכוח שוכב שם ולא זז. אני מנסה להתרומם על ברך אחת ולאחר מכן על שתי הברכיים, ואני מנסה לקום על רגליי ורואה שאני יכולה ללכת. אני מתחילה לרוץ, כשאני יורקת את הגועל נפש הסמיך והמלוח מתוך הפה. איזה מרחק רצתי כך איני יודעת, אך כעת אני פה לידך. אתה מבין כעת מדוע לחי אחת גבוהה יותר והשנייה נמוכה..."

"אני מבין, אך האם מותר לי לספר את זה לחברים שלי, דרור וִיטְקָה?"

"אתה חייב לספר להם. תאמר למֶנְדֶל אֶלְקֵינְד שיקרא לאספה כללית במוצאי שבת. תשתדל שכולם יהיו, בעיקר שכל הבחורות תבואנה. שם תספר את מה ששמעת ממני. ועכשיו תן לי קצת מהקפה, ואני רצה לצריף."

די גדודניצעס

אין איינער פֿון זײַנע שפּאַצירן אַרום דער מחנה פֿון ״גדוד העבֿודה״, ווען עגנון האָט זיך דערנענטערט צו די געצעלטן און צריפֿים, האָט ער אויסגערופֿן: ״דאָ קאָנען ווױנען מענטשן?!״

כ׳געדענק נישט צי איך האָב אים געענטפֿערט. כ׳בין מער ווי זיכער, אַז כ׳האָב געשוויגן. געוויס האָט מען דאָרט געוווינט, און נישט נאָר בחורים, נאָר בחורות אויך. כ׳בין זיך מודה, אַז איך האָב דעמאָלט עגנונען נישט פֿאַרבעטן אַרײַנגיין אין איינעם פֿון די צריפֿים – דאָס זענען געווען די צריפֿים פֿון די בחורות, און אויף אַלע בעטן זענען געשלאָפֿן צו צוויי מיידלעך.

איך דערמאָן זיך די מיידלשע שמועסן:

ציפּורה, אַ ליטוואַטשקע, וואָס האָט דאָ נישט לאַנג געבוירן איר ערשט קינד, האָט געפֿרעגט בײַ דבֿורקע קאָפּילעוויטש:

– זאָג מיר דעם אמת, דבֿורקע, דו ווילסט ליגן אין קימפּעט?

– איך בין נישט דײַן גלײַכן. דו האָסט געהאַט אַ קינד, מזל־טובֿ דיר, מיך לאָז צו רו און לאָז מיר פֿלאַסטערן דעם כּבֿיש לעבן יריחו. צו אַ ברית בין איך נאָך נישט גרייט. די נייטיקסטע זאַך, וואָס מען דאַרף, איז אַ כּבֿיש. ציפּורקע, פֿאָלג מיך, דו ביסט דאָך נאָכן קימפּעט, אויף יעדן בעט ליגן דאָך צו 6–7 לײַלעבער, מען נעמט טאַקע די לײַלעבער פֿון מחסן, אָבער מען לייגט איין לײַלעך אויפֿן אַנדערן...

רחל פּינקס איז געלעגן אויף אַ זײַטיק בעטל און האָט געשוויגן, האָט צו איר אַ זאָג געטאָן הענקע, וואָס אַרבעט אין קינדערהיים:

– זאָג אַ וואָרט, רחל! זאָג, אַז אַ מאָל זענען מיר געווען טעבטער בײַ טאַטע־מאַמע און הײַנט זענען מיד טעבטער אין ״גדוד העבֿודה״... וואָס שווײַגסטו? דו ווילסט, אַז איך זאָל רעדן פֿאַר דיר? מיר זענען פֿאַר אונדזערע בחורים נישט געווען קיין צירונג. מיר האָבן געהאָרעוועט, נישט ווינציקער פֿון זיי. ווען מענדל עלקינד וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער דאָס באַשטעטיקט... אָבער דער אמת

הגדודניקיות

באחד הטיולים של עגנון סביב מחנה גדוד העבודה, כשהוא התקרב אל האוהלים והצריפים, הוא קרא: "האם כאן יכולים אנשים להתגורר?"

איני זוכרת אם השבתי לו. אני בטוחה יותר ששתקתי. ברור שהתגוררו שם, ולא רק בחורים, אלא גם בחורות. אני מודה שלא הזמנתי אז את עגנון להיכנס אל אחד הצריפים. אלה היו צריפי הבחורות, ועל כל מיטה ישנו שתי בחורות.

אני נזכרת בשיחות של הבחורות:

ציפורה הליטאית, שזמן־מה קודם לכן ילדה את תינוקה הראשון, שאלה את דבורקָה קופילביץ:

"אמרי לי את האמת, דבורקה, האם את רוצה להיות יולדת?"

"איני דומה לך. את ילדת תינוק. מזל טוב לך. אותי תעזבי במנוחה ותני לי לסלול את הכביש ליד יריחו. אינני מוכנה עדיין לברית. הדבר הנחוץ ביותר, הדבר שאנו זקוקים לו – הוא כביש. ציפורקה, שמעי בקולי, את הרי אחרי לידה, על כל מיטה מונחים 6 או 7 סדינים. לוקחים באמת את הסדינים במחסן, אבל מניחים סדין על סדין..."

רחל פנקס שכבה על מיטה צדדית ושתקה. הֶנְקָה, שעבדה בבית הילדים, אמרה לה:

"תגידי מלה, רחל! אמרי שפעם היינו בנות לאבא ואמא והיום אנחנו בנות בגדוד העבודה... מה את שותקת? את רוצה שאני אדבר עבורך?"

לא היינו קישוט לבחורים שלנו. עמלנו לא פחות מהם. אילו היה כאן מנדל אלקינד, הוא היה מאשר את זה... אך האמת אינה זקוקה

דאַרף נישט קיין עדות. מיר האָבן געהאָרעוועט גלײַך מיט די בחורים, און צוליב דער שווערער האָרעוואַניע זענען מיר אין די אָוונטן געפֿאַלן ווי געחלשטע...

– ציפּורקע, זאָג דעם אמת, ווו האָסטו געפֿונען צײַט צו ליגן אין קימפּעט? מיר האָבן לחלוטין פֿאַרגעסן, אַז מיר זענען מיידלעך. איך ווייס נישט, וואָס איר וואָלט געזאָגט, נאָר איך האָב געזאָגט טאָגערן, ווען ער איז צו מיר צוגעגאַנגען און געוואָלט מיר געבן אַ גלעט, – ער האָט טאַקע געפּרוווט – האָב איך אַ געשריי געטאָן צו אים: זיי נישט קיין "למך"! דו זעסט נישט, אַז איך בין ווי אַלע אונדזערע בחורות? נאָר די בחורים מחוץ לגדוד ווייסן וואָס זיי ווילן.

– איך ווייס דאָס נישט.

– אַז איך וועל האָבן צײַט, וועל איך דיר דאָס פֿאַרטײַטשן...

לעדות. אנחנו עבדנו ביחד עם הבחורים, ובגלל העבודה הקשה נפלנו בערב כמעולפות...

"ציפורקה, אמרי את האמת. היכן מצאת זמן להיות יולדת? שכחנו לחלוטין שאנחנו בנות. איני יודעת מה אתן הייתן אומרות, אך אני אמרתי לטָגֶר, כשהוא ניגש אלי ורצה ללטף אותי – והוא באמת ניסה –, הרמתי קולי בצעקה: 'אל תהיה לֶמֶך! האם אינך רואה שאני כמו כל הבחורות שלנו? רק הבחורים מחוץ לגדוד יודעים מה הם רוצים."

"אני לא יודעת למה את מתכוונת."

"כשיהיה לי זמן, אסביר לך...".

דער מזומן

די מיידלעך פֿון דער קיך האָבן שטענדיק דערציילט אין חדר־האוכל פֿון גדוד, ווי דער גדודניק חיים שאַפּיראָ, וואָס האָט געאַרבעט אין נגריה, פֿלעגט אָפֿט צוקומען צום פֿענצטערל פֿון דער קיך און שטיל בעטן בײַ זיי: „בחורות, גיט מיר אַ הוספֿה, מײַנע מיידלעך מוזן עסן!"

כ׳גיי אַ ביסעלע פֿאָרויס און כ׳וועל אין קורצן דערציילן, ווי איך פֿלעג אָפֿטלעך באַגעגענען דעם סופֿר שמואל עגנון ז״ל. דאָס איז געווען אין יענער צײַט, ווען איך האָב געהאַלטן, אַז ייִדן דאַרפֿן נישט שרײַבן און נישט זיין קיין שרײַבערס, דאַרפֿן נישט שטודירן אין אוניווערסיטעטן צו זײַן דאָקטוירים און בײַ דער גמרא דאַרפֿן ייִדישע בחורים זיך נישט שאָקלען, נאָר אַלע מוזן זײַן ערד־אַרבעטערס, אָדער בעל־מלאָכות. אַפֿילו נאָך דעם, ווי איך פֿלעג טרעפֿן עגנונען האָב איך אַזוי געטראַכט, ווײַל איך בין דאַן געווען זייער יונג און נישט באַהאַוונט אין לעבן. ווען עגנון איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אויפֿן וועג פֿון מײַן אַרבעט, פֿלעג איך לאַנג אים נאָכקוקן, ווי אַנדערש ער איז, ווי איידל ער רעדט, מען קען אים נישט פֿאַרגלײַכן מיט קיינעם פֿון די גדודניקעס.

ער פֿלעגט אָפֿט שפּאַצירן אַרום דער מחנה פֿון גדוד. ווען כ׳בין מיט מײַן אייזעלע געגאַנגען פֿון ירושלים, איז דאָס אייזעלע געווען אַ סך קליגער פֿון מיר – אַז איך פֿלעג אים באַלאָדן מיט די טאָרבעס, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען פֿון זײַן רוקן, פֿלעגט ער זיך אַוועקלייגן. ס׳האָט אַ מאָל געטראָפֿן, אַז עגנון איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און געזען, ווי איך פּרווו אים אויפֿשטעלן קראַצנדיק זײַן רוקן און ציִענדיק אים פֿאַר זײַנע לאַנגע אויערן, און ווען דאָס האָט גישט געהאָלפֿן האָב איך אָנגעהויבן אים קושן און גלעטן. אָבער דער אייזל מײַנער וויל נישט אויפֿשטיין, גיט זיך אַפֿילו נישט קיין ריר פֿון זײַן אָרט...

עגנון האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם ליגנדיקן אייזל און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו מיר:

המזומן

בחדר האוכל של הגדוד, הבנות מהמטבח סיפרו תמיד כיצד הגדודניק חיים שפירא, שעבד בנגריה, היה ניגש לעתים קרובות אל האשנב של המטבח ומבקש בלחש: "בחורות, תנו לי תוספת, הבנות שלי חייבות לאכול!" אני מקדימה מעט את המאוחר. אספר בקיצור כיצד הייתי פוגשת לעתים קרובות את הסופר שמואל יוסף עגנון ז"ל. היה זה בימים שבהם האמנתי שיהודים לא צריכים לכתוב, לא צריכים ללמוד באוניברסיטאות כדי להיות דוקטורים, ובחורים יהודים אינם צריכים להתנדנד ליד הגְמָרות אלא חייבים להיות עובדי אדמה או בעלי מלאכה. אפילו לאחר שפגשתי את עגנון חשבתי כך, כי באותם ימים הייתי צעירה מאוד וחסרת ניסיון בחיים. כשעגנון היה חולף על הדרך שבה עבדתי, נהגתי להתבונן בו ארוכות, כמה שונה הוא, כמה אצילי דיבורו, כמה אין להשוותו לאיש מן הגדודניקים.

לעתים מזומנות הוא נהג לטייל סביב מחנה הגדוד. כשחזרתי עם החמור שלי מירושלים החמורון היה הרבה יותר חכם ממני – כשהייתי מעמיסה עליו את השקים שהשתלשלו מגבו, הוא היה נשכב ורובץ. באחת הפעמים קרה שעגנון חלף וראה כיצד אני מנסה להקים את החמור, מגרדת לו את הגב ומושכת באוזניו הארוכות. כשדבר מזה לא עזר, התחלתי לנשק וללטף אותו. אך החמור שלי לא רצה לקום ולא זז ממקומו. עגנון עצר ליד החמור הרובץ ואמר לי:

– נעם אַרויס פֿון די טאָרבעס די שווערע זאַכן, גיב מיר אַ ביסל און דו נעם אַ ביסל, וועט דער אייזל זיך אויפֿהייבן.

עגנונס עצה האָט געהאָלפֿן. איך האָב אַרויסגענומען די שווערע זאַכן פֿון די טאָרבעס, אַ טייל האָב איך געגעבן עגנונען, אַ טייל האָב איך גענומען, און דער אייזל האָט זיך אויפֿגעשטעלט. איך בין געגאַנגען אין זײַן רעכטער זײַט, עגנון אין דער לינקער, דער אייזל אין מיטן. טוט אַ מאַך צו מיר דער גרויסער שרײַבער:

– גיי איבער צו מיר, אויף דער לינקער זײַט, און דערצייל מיר עפּעס וועגן גדוד.

– וואָס איז שוין דאָ צו דערציילן וועגן גדוד? מ׳הערט פֿון יהודה קאָפּילעוויטש און פֿון גדוד־גיזבר נאָר איין וואָרט: ״לעבֿוד! – העבֿודה היא חיינו, מכּל צרה תּצילנו...״

– דערציילט מיר עפּעס אַ טשיקאַווע זאַך – גיט עגנון אַ זאָג.

– ס׳איז פֿאַראַן בײַ אונדז אַ גדודניק מיט צוויי מיידלעך, און אין גדוד רופֿט מען זיי ״דער מזומן״ זיי לעבן צוזאַמען אין לעצטן אוהל פֿון דער מחנה.

– די מיידלעך זענען כאָטש שיינע? – פֿרעגט עגנון.

– איר פֿרעגט מאָדנע קשיות. אַ מאָל זענען זיי געווען גאַנץ שיינע, נאָר איצטער האָט איינע אַ מיידעלע און די אַנדערע – אַ ייִנגעלע. די עופֿעלעך זענען אין בית־תּינוקות און שאַפּיראָ מיט זײַנע מיידלעך לעבן צוזאַמען אין אוהל, ווי זיי האָבן געלעבט.

– זיי אַמפּערן זיך נישט און קריגן זיך נישט? – פֿרעגט ער ווײַטער.

– ווען האָט מען צײַט צו קריגן זיך? בײַ טאָג אַרבעט מען און בײַ נאַכט שלאָפֿט מען.

– זייער אַ שיינע מעשׂה, דײַן נאָמען וועל איך נישט פֿאַרגעסן.

ווי האָט ער געקאָנט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט מיך אָפּט געזען גיין מיט מײַן ציגעלע לעבן אונדזער מחנה!

– דו ביסט אַ חבֿרהמאַנקע – האָט ער צוגעגעבן – דאָס איז אַ שיינע מעשׂה. תּודה רבה!

"הוציאי מהשקים את הדברים הכבדים. תלי מעט וקחי גם את חלק, ואז הוא יקום."

העצה של עגנון עזרה. הוצאתי את החפצים הכבדים מן השקים. חלק נתתי לעגנון וחלק לקחתי אני, והחמור אכן קם על רגליו. הלכתי בצדו הימני, עגנון צעד משמאל, והחמור באמצע.

לפתע אמר לי הסופר הגדול:

"בואי, עברי אלי לצד שמאל וספרי לי משהו אודות הגדוד."

"מה כבר יש לספר אודות הגדוד? מיהודה קופילביץ ומגזבר הגדוד שומעים רק דבר אחד: 'לעבוד!' – העבודה היא חיינו, מכל צרה תצילנו...".

"ספרי לי איזשהו דבר מסקרן", אמר לי עגנון.

"ישנו אצלנו גדודניק עם שתי בחורות. בגדוד קוראים לו 'המזומן'. הם מתגוררים ביחד באוהל האחרון של המחנה."

"והבחורות יפות, לפחות?", שאל עגנון.

"אתה שואל קושיות משונות. פעם הן היו די יפות, אבל עכשיו יש לאחת ילדה ולשנייה ילד. הקטנטנים נמצאים בבית התינוקות, ושפירא עם שתי הבנות שלו חיים יחד באוהל, כמו שהם חיו קודם."

"הן לא מתווכחות ולא רבות?", הוא שאל שוב.

"וכי מתי יש זמן למריבות? ביום עובדים ובלילה ישנים."

"סיפור יפה מאוד. את שמך לא אשכח."

כיצד יכול היה לשכוח אותי. הרי הוא היה רואה אותי תדיר, הולכת עם העז שלי אל המחנה שלנו!

"את חברה'מנית", הוסיף עגנון. "זהו סיפור יפה. תודה רבה!"

עפּעס וואָס...

דער פֿאַרנאַכט איז דאָ זייער אַ קורצער. אָט איז פֿאַרנאַכט און אָט איז שטאָק פֿינצטער, אָבער איך בין ממשיך דעם וועג מיט מײַן אייזל. כ׳האָב אים אַ נאָמען געגעבן פּאַפּירוס. ער האָט אַ העלע פֿעל, וואָס איז דורכויס ווי אין זונשפּרענקלעך און איך שעם זיך נישט מודה צו זײַן, אַז ער איז צען מאָל קליגער פֿון מיר. קיין טאָרבעס האָב איך נישט געהאַט, האָב איך דורכגעעקבערט לעבלעך אין צוויי קעסטלעך, דורכגעצויגן דיקע שטריקלעך און די קעסטלעך אָנגעהאַנגען פּאַפּירוסן בײַביידע זײַטן. אַזוי, אין איינעם, גייען מיר זיך דורך ירושלים, איבער דער אַלטער שטאָט. וואָס וועלוועלער איז אַלץ בעסער פֿאַר מיר, וואָרעם דער בודזשעט איז אַ באַגרענעצטער: אַ פּיאַסטער מיט עפּעס אויף אַ מענטשן. דעריבער איז די בעסטע זאַך – אַוועקגיין מיט פּאַפּירוסן אויפֿן בית־לחמער שאָסיי און איבערכאַפּן אַראַבער וואָס גייען אין מאַרק מיט זייערע סחורות, כּדי נישט איבערצוצאָלן. אַזוי פֿלעג איך טאָן.

אין איינעם אַזאַ פֿרימאָרגן, ס׳איז נאָך פֿינצטערלעך, די לבֿנה פֿאַרגייט שוין, גיי איך מיר אַזוי מיט פּאַפּירוסן צום בית־לחמער שאָסיי, נישט ווײַט פֿון גבֿעת אליהו. מיט אַ מאָל פֿיל איך, אַז עמעצער נעמט מיך בײַם אַרבל. איך טו אַ קערעווע דעם קאָפּ, ערשט ס׳איז וויטקע ריינין. איך זע נאָך נישט זייער גוט זײַן פּנים, ווײַל ס׳איז פֿינצטערלעך, אָבער זײַן שטים איז קלאָר און קלינגעוודיק.

– וווּ גייסטו מיטן אייזל, ס׳איז דאָך נאָך פֿינצטער. האָסט עפּעס וואָס, דער אייזל זאָל זײַן פֿאַרזיכערט?

הייב איך גישט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס ער מיינט. איך בין נישט לאַנג געקומען פֿון ליטווישן שטעטעלע. ס׳איז מיר נאָך נישט קיין פֿולע אַכצן יאָר, נאָר וויטקען קען איך. ער איז אַ גוטער שטיינ־האַקער. און ער – נאָך אַ מאָל:

דבר־מה

שעת בין השמשות קצרה כאן מאוד. רגע אחד בין הערביים ומיד חשיכה מוחלטת. אך אני ממשיכה בדרך עם החמור שלי. קראתי לו פפירוס. הוא בעל פרווה בהירה, שכולה זרועה בנמשים. ואיני מתביישת להודות שהוא חכם ממני פי עשרה. שקים לא היו לי, לכן ניקבתי חורים בשני ארגזים, השחלתי חבלים עבים ותליתי את הארגזים על גבו של פפירוס, משני צדדיו. וכך, ביחד, אנחנו הולכים וחוצים את ירושלים, דרך העיר העתיקה. התקציב שהיה בידי, היה מוגבל: גרוש אחד ומשהו לאדם. לכן הטוב ביותר היה ללכת עם פפירוס עד לכביש בית־לחם ולעצור את הערבים ההולכים עם סחורותיהם לשוק, כדי לא לשלם יותר. וכך אכן נהגתי לעשות.

באחד הבקרים, כשעדיין שררה אפלולית, הלבנה כבר החלה להיעלם ואני צעדתי לי כך לתומי עם פפירוס לעבר דרך בית־לחם, לא הרחק מגבעת אליהו. ולפתע אני מרגישה שמישהו אוחז בשרוולי. אני מסבה את ראשי ורואה: זהו ויטקֶה ריינין. עוד לא הבחנתי היטב בפניו, בגלל האפלולית ששררה מסביב, אך קולו ברור ומצטלצל.

"לאן את הולכת עם החמור, הרי עדיין חושך. האם יש לך דבר־מה כדי שהחמור יהיה מוגן?"

אפילו לא התחלתי להבין במה הדברים אמורים. רק לא מזמן הגעתי מן העיירה הליטאית. עדיין לא מלאו לי שמונה־עשרה..., אך את ויטקה אני מכירה. הוא חוצב אבנים מעולה. והוא שוב אומר:

– ליטוויטשקע, איך זע, אַז דו ווייסט נישט, וואָס איך רעד, וועל איך דיר זאָגן – נאָך דער אַרבעט גיי אַרײַן אויף "קאַמטשאַטקע" וועל איך דיר עפּעס וואָס ווײַזן.

איצטער ווייס איך וואָס "קאַמטשאַטקע" איז, אָבער דעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז "קאַמטשאַטקע" איז צוויי באַראַקעס, וווּ ס'שלאָפֿן די גדודניקעס. קיין מיידל וויל אַהין־צו נישט גיין אויפֿראַמען. לאה גובערמאַן האָט דערציילט, אַז מ'קאָן אַהין נישט אַרײַנגיין. אויף די בעטן ליגן בײַ יעדערן צו צען לײַלעכער, ווײַל קיינער טראָגט נישט די לײַלעכער אין וועשערײַ. זיי נעמען ריינע און שפּרייטן אויף די אַלטע. מען קען דאָרט אויסברעבן אַ פּוס. אָניטשעס ליגן נישט, נאָר זיי שטייען ווי שיך. כ'געדענק שוין נישט, צי איך בין געגאַנגען אויף מאָרגן קיין "קאַמטשאַטקע", צי אין עטלעכע טעג אַרום, נאָר אַז איך בין אַהין, אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, אַרײַנגעגאַנגען, האָב איך געצווייפֿלט, צי איך וועל אַרויסגיין. אויף אַלע בעטלעך זענען געלעגן בחורים. געזעסן איז נאָר באָראָדאַ און פּעטשעראַ. פּעטשעראַ איז מיר אין גאַנצן נישט געפֿעלן געוואָרן און איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דער נאָמען איז פֿאַר אים צוגעפּאַסט. ער האָט געהאַט אַ גרויס פּנים, מיט נאָזלעכער ביז די באַקן. דאָס מויל האָט אויך געמעגט וועלן ס'זאָל זײַן קלענער... וויטקע האָט דערהערט, אַז איך בין אַרײַנגעגאַנגען, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן פֿינגער איך זאָל צוגיין צו אים. ער איז געשטאַנען בײַם קליינעם פֿענצטערל און אַז איך בין צוגעגאַנגען האָט ער פֿון אונטערן מאַטראַץ עפּעס אַרויסגענומען. אַ קליינינקע שוואַרצינקע "מאַבערײַקע" און האָט צו מיר געזאָגט:

– קום צום פֿענצטערל, שטעל זיך לעבן מיר, באַלד וועט אַ קנאַל טאָן! נאָר דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז אַ ברכה לבֿטלה, אָן אַן אָנלאָד. איצטער קוק, איך לייג דאָ אַרײַן אָט־אָ די־אָ קליינינקע, דאָס הייסט, קוילן, זיי זענען פֿון בלײַ און איך שיס אין אָפֿענעם פֿענצטערל. שרעק זיך נישט, דאָס וועט אַוועק ערגעץ ווײַט... איצטער קוק ווי אַזוי מע דאַרף אָנלאָדן און ווי אַזוי מען דאַרף אַ קוועטש טאָן. דו וועסט קענען?

"ליטאית, אני רואה שאינך יודע על מה אני מדבר. אז אומר לך: אחרי העבודה כנסי ל'קמצ'טקה' ואני אראה לך משהו."

עכשיו אני כבר יודעת מה הכוונה ב"קמצ'טקה", אבל אז חשבתי שמדובר בשני הביתנים שבהם ישנו הגדודניקים. שום בחורה אינה רוצה ללכת לנקות שם. לאה גוברמן סיפרה שמן הנמנע להיכנס לשם. על כל מיטה מונחים כעשרה סדינים, משום שאיש אינו לוקח את הסדינים למכבסה. הם לוקחים סדינים נקיים ופורשים על המלוכלכים. אפשר לשבור שם רגל. סמרטוטים אינם מושלכים על הרצפה, אלא "עומדים" כמו נעליים. איני זוכרת עוד אם אכן הלכתי ל"קמצ'טקה" למחרת או אולי ימים אחדים לאחר מכן. אך כשנכנסתי לשם לפנות ערב, תקף אותי ספק האם גם אזכה לצאת משם. על כל המיטות שכבו בחורים. ישבו רק בּוֹרוֹדָה ופֶּטְשֶׁרָה. האחרון לחלוטין לא מצא חן בעיניי. הבנתי מיד שהשם שלו הולם אותו. הוא היה בעל פנים גדולות ונחיריו הגיעו עד ללחיים. גם הפה, מוטב היה לו לרצות להיות קטן יותר...

ויטקה שמע שנכנסתי, ורמז לי באצבע שאגש אליו. הוא ניצב ליד האשנב, וכאשר ניגשתי אליו הוא שלף דבר־מה מתחת למזרן. זה היה מן "מאַבעריַיקע" [משהו מתוחכם, ל.א.], ואמר לי:

"גשי אל האשנב ועמדי לידי, מיד יהיה פיצוץ! אבל זה כלום, זוהי ברכה לבטלה בלי שהוא יהיה טעון. עכשיו תסתכלי, אני מכניס פנימה את הדבר הקטן הזה שנקרא כדור, אלו עשויים מעופרת, ואני יורה מבעד לחלון הפתוח. אל תיבהלי, זה יעוף לאי־שם, הרחק מכאן... ראי כיצד צריך לטעון אותו ואיך לוחצים. תדעי לעשות זאת?"

– כ'וועל פּרוּוון, וועל איך קענען. דו האָסט זיך אויסגעלערנט, וועל איך זיך אויך אויסלערנען.

– לערן זיך, לערן זיך, וועסטו קיין מאָל נישט מורא האָבן. דו האָסט דאָך אין קעסטל אַ שמאַטע, וועסטו עס אַוועקלייגן אונטער דער שמאַטע און אויף דער שמאַטע וועסטו לייגן אַלצדינג וואָס דו וועסט אײַנהאַנדלען בײַ די אַראַבער.

איך האָב שוין געקענט שיסן, כּמעט אַזוי ווי וויטקע, כ'האָב זיך געלערנט צילן אין אַ בלעטל פֿון אַ בוים. איך פֿלעג צילן און זייער אָפּט געטראָפֿן. אָבער געניצט האָב איך קיין מאָל נישט די "מאַכעריַיקע", ווײַל קיין איין אַראַבער האָט מיר קיין שלעכטס נישט געטאָן, ווי ס'האָט געטראָפֿן אין אַנדערע ערטער. איך האָב בײַ זיי געקויפֿט פּאָמידאָרן, ציבעלעס און אַלץ וואָס איך האָב באַדאַרפֿט. נאָר איין עלטערער אַראַבער האָט אַנומלטן בײַ מיר געפֿרעגט:

– דו ביסט אַזוי יונג. האָסט נאָך נישט קיין מאַן. אָבער אפֿשר האָסטו אַ ברודער? פֿאַר וואָס גייט ער נישט מיטן אייזל?

וואָס איך האָב אים אויף דעם געענטפֿערט, געדענק איך נישט.

★ ★ ★

וויטקע, ווי אַ סך לינקע גדודניקעס, איז דערנאָך געקומען קיין קרים. שפּעטער זענען אַלע צעשיידט געוואָרן, ווער עס איז "אַוועק" אין די סטאַלינישע לאַגערן, און ווער עס האָט אַוועקגעלייגט די ביינער אויף דער מלחמה. וויטקע ז"ל האָט פֿאַרטיידיקט לענינגראַד, האָט אַוועקגעגעבן דער מלחמה אַן אויג און נאָך עפּעס... האָט גוט אַרײַנגעלייגט די פֿאַשיסטן אין דער ערד. ערשט אין לענינגראַד, ווען איך פֿלעג קומען צו אים, האָט וויטקע דערציילט אַ סך טשיקאַווע זאַכן. מיט פֿיר יאָר צוריק איז ער ניפֿטר געוואָרן. אין די יאָרן, ווען מיר האָבן אין די נעכט "געוואַרט", פֿלעגט גאָרשמאַן זאָגן:

– מאַך באַזונדערע פּעקלעך, פֿאַר מיר און פֿאַר דיר. אַז מיך וועט מען שיקן אין הודו, וועט מען דיך שיקן אין כּוש.

"אנסה ואז אדע. אתה למדת, אז גם אני אלמד."

"תלמדי, תלמדי, ולעולם לא תפחדי. הרי יש לך סמרטוט בתוך הארגז, מתחתיו שימי את זה, ועל הסמרטוט תוכלי לשים כל מה שאת קונה אצל הערבים."

כבר ידעתי לירות ממש כמו ויטקה, למדתי לקלוע בעלה של עץ. הייתי מכוונת וקולעת לעתים קרובות מאוד. אך ב"מאכערייקע" מעולם לא השתמשתי, כי שום ערבי אף פעם לא הרע לי, כמו שקרה במקומות אחרים. קניתי אצלם עגבניות, בצלים וכל מה שהיה צריך. אך פעם שאל אותי ערבי מבוגר אחד:

"את כל כך צעירה, אין לך עדיין בעל, אבל אולי יש לך אח? למה הוא לא הולך עם החמור?"

אינני זוכרת מה השבתי לו על כך.

★ ★ ★

ויטקה, כמו גדודניקים רבים שהיו שמאלנים, הגיע אחר־כך לקרים. מאוחר יותר כולם נפרדו. חלק "הלכו" במחנות של סטלין, וחלק נפלו במלחמה. ויטקה ז"ל הגן על לנינגרד, הקריב עין ועוד משהו... הוא הכניס לפשיסטים כמו שצריך. כשהייתי מגיעה אליו בלנינגרד, הוא נהג לספר דברים מסקרנים רבים. הוא נפטר לפני ארבע שנים.

באותם ימים, כשבלילות היינו מחכים, גורשמן* היה אומר לי:

"הכיני חבילות נפרדות, עבורי ועבורך. אם אותי ישלחו להודו, אותך ישלחו לכוש."

* מנדל גורשמן, בעלה של שירה.

אַנומלטן, וואַרטנדיק אויפֿן קלאַפּ אין טיר האָב איך אים אויסגעגאָסן מײַנע דערמאָנונגען:

– ווי אומאָפּהענגיק, ווי מוטיק, ווי דרייסט האָב איך מיך געפֿילט דעמאָלט, ווען דאָס קליינע, שוואַרצע "מאַכערײַקעלע" איז געלעגן אונטער די פּאָמידאָרן און אונטער די ציבעלעס...

מענדל האָט מיך אָנגעקוקט:

– האַ, האַ, כ׳גלייב דיר, נאָר אויפֿן בית־לחמער שאָסיי איז נישט געווען קיין גע־פּע־או...

פעם, בעודנו ממתינים לנקישה בדלת, שפכתי בפניו את זכרונותי:

"כמה עצמאית, כמה אמיצה ועזת נפש הרגשתי אז כשהכלי הקטן והשחור היה מונח מתחת לעגבניות ולבצלים...".

"הא, הא, אני מאמין לך, אבל על דרך בית־לחם לא היה גֶ-פֶּ-אוּ...".*

* ה־GPU היה המשטרה הפוליטית החשאית ושירות מודיעין בברית המועצות, החל משנת 1922.

חיימל דער גרויסער

מען האָט אים גערופֿן "דער גרויסער", ווײַל ער האָט נעבעך נישט געקאָנט אויסוואַקסן. מען האָט אים גערופֿן נישט נאָר "דער גרויסער", נאָר אויך "דער טל־ומטרל" – דער אונטערגעקירצטער. און עס זײַנען געווען אַזוינע "האַרציקע" מענטשן, וואָס האָבן ממש געקוואָלן, בעת זיי האָבן צו אים געזאָגט:

– חיימעלע, זעץ זיך. דאַרפֿסט אָרט, ווי אַ קעצל.

אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט חיימעלע אַוועקגיין. ער האָט קיין מאָל נישט גערעדט אַנטקעגן. ער האָט פֿלײַסיק געאַרבעט און אַנומלט האָט ער מיטן גרויסן האַמער אין מחצבֿה געוואָלט צעשפּאַלטן אַ שטיין. ווען איסאַטשקע כאַפּט אים נישט אונטער פֿאַר די פּלייצעס, וואָלט אים דער האַמער אַוועקגעשלײַדערט אויף דער ערד. איסאַטשקע האָט אים געמוסרט:

– דו ביסט אַ ווילער יאַט, חיימל, נאָר טו נישט דאָס, וואָס דו קענסט נישט.

חיימל האָט זיך פֿאַרענטפֿערט:

– זאָג אַליין, איסאַטשקע, ווי האָב איך געקענט וואַקסן? דער טאַטע איז געשטאָרבן צו עטלעכע און פֿערציק יאָר, געלאָזן דער מאַמען אַכט קינדער. איך זאָג דיר, אַז איך געדענק ניט, אַז די מאַמע זאָל אַ מאָל געווען עסן. אָפֿט פֿלעגט זי זאָגן: "קינדער, לייגט זיך שלאָפֿן, אַז איר וועט אויפֿשטיין, וועט די הירזשענע קאַשע זײַן פֿאַרטיק". נאָר איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, גלייב מיר, איסאַטשקע, צי די הירזשענע קאַשע איז אַ מאָל פֿאַרטיק געוואָרן.

– איך פֿאַרשטיי, כאָטש איך בין נישט געוואַקסן אין אַזאַ אָרעמקייט ווי דו. ביסט אַ יאַט, ווי ס׳געהער צו זײַן. ס׳איז גוט, וואָס דו האָסט ליב צו לייענען.

אַנומלט, פֿאַר וועטשערע, אַלע זענען שוין געזעסן בײַם טיש, און אין מיטן חדר־האוכל איז געשטאַנען שכנא גויכבערג – אַ וווקסיקער בחור, מיט געזונטע ידיים, מיט ברייטע פּלייצעס. ווען

חַיימְל הגדול

כינו אותו "הגדול" כי הוא, מסכן שכמותו, לא הצליח לגדול. לא רק "הגדול" כינו אותו, אלא גם "טל ומטר"* – המקוצר. והיו גם "נשמות טובות" שהתמוגגו ממש כשאמרו לו:

"חיימלֶ'ה, שב. אתה צריך מקום כמו לחתול."

במקרים כאלו היה חיימל'ה מסתלק. הוא מעולם לא הגיב. הוא עבד בחריצות. פעם רצה להבקיע אבן במחצבה בעזרת המקבת. אלמלא תפס אותו איסַטְשְקֶה בכתפיו, הייתה המקבת משליכה אותו על האדמה. איסטשקה הטיף לו מוסר:

"אתה בחור טוב, חיימל, אבל אל תעשה מה שאינך מסוגל."

חיימל הצטדק:

"אמור לי אתה בעצמך, איסטשקה, ביצד יכולתי לגדול? אבי מת כשהוא היה בן ארבעים וכמה, השאיר לאמא שמונה ילדים. אני אומר לך שאיני זוכר את אמא אוכלת אפילו פעם אחת. היא הייתה אומרת תמיד: 'ילדים, לכו לישון, כשתקומו תהיה דיסת הכוסמת מוכנה'. אבל האמן לי, איני מסוגל להיזכר אם אי־פעם הייתה דיסת הכוסמת אבן מוכנה."

"אני מבין, על אף שלא גדלתי בעוני כזה כמוך. אתה בחור לעניין, טוב שאתה אוהב לקרוא."

פעם, לפני ארוחת הערב, כשכולם כבר הסבו סביב השולחן, עמד באמצע חדר־האוכל שַכְנֶה גוֹיכְבֶּרג, בחור גבוה, בעל ידיים בריאות

* כינוי מקובל לאדם קטן קומה שכן אותיות "טל ומטר" בסידור התפילה מודפסות באות קטנה מהרגיל.

חיימל איז אים פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער אים אַ רוף געטאָן, צעשטעלט ברייט די פֿיס און געזאָגט:

– חיימל, גיי דורך, ס׳איז ווי אַ טויער. וועסט פֿאַרשפּאָרן זיך אײַנצובייגן. נו, וואָס שטייסטו? האָסט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט? וועסט נישט גיין, וועל איך דיך דורכפֿירן בײַ די הענטלעך.

דאָס האָט געהערט איסאַטשקע און כאָטש ער האָט געגעסן, האָט ער אָפּגערוקט דעם טעלער און איבערגעשפּרײַזט איבער די מענטשן, צוגעגאַנגען צו שכנאן און האָט אים דערלאַנגט אַזאַ פּלאַם אין פּנים, אַז יענער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

– אויב דיר איז ווינציק, קום אַרויס אין הויף, וועל איך דיך נאָך אַ ביסעלע אַ גלעט טאָן. איך זאָג דיר איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, זאָלסט צו חיימלען קיין וואָרט נישט אויסרעדן. זאָלסט זײַן אַ מענטש, און נישט קיין דבֿר־אַחר. פֿאַרשטאַנען?

מערקווערדיק, אַז נישט נאָר שכנא, נאָר קיינע לצים זענען מער שוין צו חיימען נישט צוגעשטאַנען מיט ווערטלעך און צונעמענישן.

וכתפיים רחבות. כשחיימלה חלף לידו, הוא קרא לו, עמד בפיסוק רחב ואמר:

״חיימל, עבור בין רגליי, זה כמו שער. לא תצטרך להתכופף. נו, מה אתה עומד? שמעת מה שאמרתי? אם לא תעבור, אני אוביל אותך בידיך הקטנות.״

איסטשקה שמע את דבריו, ועל אף שהוא ישב ואכל, הוא הסיט את הצלחת, עבר מעל לאנשים, ניגש אל שַׁכְנֶה והכניס לו סטירת לחי אדירה שגרמה לו לטלטלה.

״אם זה מעט מדי עבורך, צא לחצר ואני אלטף אותך עוד קצת. אני אומר לך פעם אחת ולתמיד שלא תגיד לחיימל אף לא מלה נוספת. תהיה בן־אדם ולא שום דבר אחר, מובן?״

יש לציין שלא רק שַׁכְנֶה אלא גם לצים אחרים לא התקרבו עוד אל חיים ולא פנו אליו בכינויים ובדברי לעג.

אַ שטורמישע פֿאַרזאַמלונג

די פֿאַרזאַמלונג איז געווען מער שטורמיש, ווי מ׳האָט געקאָנט דערוואַרטן, ווײַל בן־ציון וואַנסקי האָט זיך אַזוי געקאָכט, ווי ס׳וואָלט געשען די גרעסטע רציחה. ער איז געווען רויט און האָט געשריִען:

– מע דאַרף זי גלײַך אויסשליסן פֿון גדוד. דאָס איז דער־שיטערנדיק. זיך אָפּזאָגן אָנזייגן אַ הונגעריק קינד! דאָס הייסט, אַז זי האָט קיין השׂגה נישט, אַז איר מילך, איר בלוט און זי גופֿא, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, געהערן פֿריִער דעם לאַנד, דערנאָך דעם גדוד. אַזאַ־אָ וועט קיין מאָל נישט פֿאַרשטיין, וואָס מסירת־נפֿש איז. איך לייג פֿאָר מע זאָל זי גלײַך אויסשליסן.

עלקינד האָט געפֿירט די פֿאַרזאַמלונג. קאָמונקע האָט שוין אויפֿגעהויבן אַ האַנט, נאָר יהודה קאָפּילעוויטש איז אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו קאָמונקען און האָט פֿירגעזאָגט:

– קאָמונקע, כ׳פֿאַרזיכער דיר, אַז איך פֿאַרשפּאָר דיר אַן אַרבעט. ווערסט אַליין זען, אַז דו ווערסט נישט דאַרפֿן דאָבערן. – און צום צעקאָכטן בן־ציון: – בן־ציון, ווען דו וואָלטסט געהאַט אַ דמיון, וואָלט איך דיר געזאָגט, אַז ציפּורקע איז אַלט 18 יאָר. זי האָט דאָס ערשטע מאָל געבוירן אַ קינד און זי איז זיך באַגאַנגען, ווי זי האָט געפֿילט. מה רעש? ווען דו ביסט אַ מאַמע פֿון 18 יאָר און דו האָסט דאָס ערשטע קינד און מען פֿאַרלאַנגט פֿון דיר, זאָלסט אָנזייגן אַן אַנדער קינד אויך, וואָלטסטו עס גלײַך צוגעבאַפּט צו דער ברוסט? נאָר דו קאָנסט זיך דאָס נישט פֿאָרשטעלן, ווײַל נישט נאָר קיין דמיון האָסטו נישט, דו האָסט אויך נישט קיין בריסט, און דו האָסט נישט קיין מילך. באַליידיק זיך נישט, דו ביסט דאָך אַ באָק! אויסשליסן! וואָס איז דאָס אײַלעניש? ציפּורקע בלום איז אַ גוטע פּועלת און זי וועט זײַן אַ גוטע גדודניצע און ס׳קאָן זײַן, אַז זי וועט זיך נאָך אויסצייכענען.

אַזוי איז ציפּורקע בלום געבליבן אַ גדודניצע.

אסיפה סוערת

האסיפה הייתה סוערת יותר מהמצופה, כיוון שבן־ציון וַונְסְקִי רתח כל־כך, כאילו אירע איזה רצח איום ונורא. פניו להטו והוא צרח:

"צריך לסלקה מן הגדוד מיד. זה מזעזע. לסרב להניק תינוק רעב! פרוש הדבר הוא שאין לה מושג שהחלב שלה, הדם שלה והיא כולה, מכף רגל ועד ראש, שייכים קודם כל לארץ, ואחר־כך לגדוד. אחת כזאת לעולם לא תבין מה פירושה של מסירות נפש. אני מציע שיסלקו אותה מיד."

אֶלקינד ניהל את האסיפה. קוֹמוּנְקָה כבר הרים את ידו, אך יהודה קופילֶביץ הקדים אותו. הוא הושיט את היד לקומונקה ואמר:

"קומונקה, אני מבטיח לך שאני חוסך לך עבודה. תוכל להיווכח שלא תצטרך לדבר." ולבן־ציון הזועם הוא אמר: "בן־ציון, אילו היית בעל דמיון, הייתי אומר לך שציפורקָה היא בסך הכול בת שמונה־עשרה. זוהי הלידה הראשונה שלה, לכן היא נהגה כפי שהיא הרגישה. מה הרעש? אילו היית אמא בת שמונה־עשרה וזהו ילדך הראשון ודורשים ממך שתניק גם ילד נוסף, האם היית מאמץ אותו מיד אל שדיך? אבל אתה הרי אינך יכול לתאר זאת לעצמך, לא רק משום שאין לך דמיון, אלא גם משום שאין לך שדיים וגם לא חלב. אל תיעלב, אתה בּוֹק [תיש, ל.א.]! לסלק! מה החיפזון? ציפורקָה היא פועלת טובה והיא גם תהיה גדודניקית טובה, ויכול להיות שהיא גם תצטיין."

וכך, ציפורקה בלום נותרה והייתה גדודניקית.

זעלדע

אַפֿילו אַ קינד אין וויג האָט געוווּסט, אַז פֿײַוועקע שטאַרבט נאָך זעלדקעס טריט. נאָר איין רחל פּינקס די פֿאַרזעסענע מויד, האָט זיך געבייזערט:

– וואָס האָט ער דערשמעקט אין דער ליטוויטשקע? נישט רויט און נישט הויט!

געוועז אויך אַזעלבע, וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר זעלדקען. מינע סעגאַל האָט געמוסרט רחלען:

– וואָס געפֿעלט זי דיר נישט, זעלדקע? סע ברענט דאָך אין אירע הענט. פּרוּוו אַרבעט מיט איר אין איינעם, בלײַענער פֿויגל! די גאַנצע פּלוגה ווייסט, אַז זעלדקע איז אַ בראַנד־בריה, ווי אַלע ווייסן, אַז דו פֿאָרסט דרײַצן וויאָרסט אין פֿערצן טעג.

געוויס האָבן פֿײַוועקע און זעלדע געווּוּסט דערפֿון, נאָר איצט איז דאָס נישט געווען אַקטועל. זיי זענען שוין אַ משפּחה. זיי האָבן שוין אַ ייִנגעלע פֿון זעקס חדשים. די גאַנצע פּלוגה וווּנדערט זיך, בעת פֿײַוועקע גייט צו צום קיכפֿענצטערל און בעט שטיל: – גיט מיר אַ הוספֿהלע פֿאַר מײַנער.

נאָר אַזאַ אָוונט ווי יענער זאָל זיך שוין בעסער נישט איבער־חזרן.

די גדודניקעס זענען געזעסן בײַ די טישן און דער ביסן האָט זיך זיי געשטעלט אין האַלדז. מ׳איז געווען אויסער זיך. וואָס האָט געקאָנט טרעפֿן מיט זעלדקען? זי זאָל אַזוי פֿאַרשפּעטיקן! מ׳האָט זיך שוין געקליבן זי גיין זוכן, בעת זי האָט זיך באַוויזן אין חדר־אוכל. אַלע האָבן ממש אָפּגעעטעמט פֿרײַ. פֿײַוועקע האָט זי גענומען פֿאַר דער האַנט, זי אַוועקגעזעצט לעבן טיש, האָט געבראַכט פֿאַר איר עסן, געקוקט, ווי הונגעריק זי איז. ס׳זענען צוגעגאַנגען אַרעלע גאָלדבערג, זיאַמקע שאַפּיראָ, מערקע, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר איר. און אַז זעלדקע האָט געענדיקט עסן, האָבן זיי בײַ איר געפֿרעגט: ״ווּ ביסטו געווען?״

זלדה

אפילו תינוק בעריסה ידע שפַּייבְקֶה מת על זלדה. רק רחל פינקס, הבחורה הרווקה, זעמה:

"מה הוא הריח בליטאית? 'לא אדום ולא עור!'"*

היו גם מי שצדדו בזלדה. מינה סגל הטיפה מוסר לרחל:

"מדוע זלדקה אינה מוצאת חן בעינייך? הרי ידיה זריזות כל־כך. נסי לעבוד איתה ביחד, ציפור עופרת! כל הפלוגה יודעת שזלדקה היא אש־להבה, כמו שיודעים כולם שאת נוסעת שלושה־עשר קילומטר בארבעה ימים."

כמובן שפייבקה וזלדה ידעו הכול, אולם עתה היה הדבר מציאות. הם היו כבר משפחה והיה להם ילד בן ששה חודשים. כל הפלוגה השתוממה בעת שפייבקה ניגש לאשנב של המטבח ומבקש חרש: "תן לי תוספת קטנה עבור שלי..."

ערב כמו הערב ההוא, מוטב שלא ישוב. הגדודניקים הסבו ליד השולחנות והאוכל נתקע להם בגרון. כולם היו המומים. מה יכול היה לקרות עם זלדה? היא מתאחרת כל־כך! כבר התכוננו ללכת לחפש אותה, והנה היא הופיעה בחדר־האוכל. כולם נשמו לרווחה. פייבקה אחז בידה, הושיב אותה ליד השולחן, הביא לה אוכל והתבונן כמה רעבה היא. ניגשו אליה אַרַלֶ'ה גולדברג, זְיַמְקָה שפירא ומֶרְקָה, אשר עמדה לצדה.

כאשר זלדה סיימה לאכול, הם שאלו אותה:

"היכן היית?"

* ביטוי ביידיש שפירושו בערך "לא בשר ולא חלב".

– איך גיי אַזוי פֿאַרבײַ גבֿעת־שאול און איך הער אַ מאָדנעם געשריי: ״קורלי, קורלי, קורלי״. איך הייב אויף די אויגן און דערזע אָן אַ שיעור בושלען. אַ סך גייען אום אַהין און אַהער, אַנדערע הייבן זיך אויף אין דער לופֿטן. האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז זיי פֿליִען אַוועק אַהין, פֿון וואַנען זיי זענען געקומען. ס׳איז מיר געוואָרן אַזוי באַנג, האָב איך זיך פֿאַרהאַלטן, כּדי צו באַגלייטן די בושלען אין זייער ווײַטן וועג און דערפֿאַר האָב איך פֿאַרשפּעטיקט.

– איינעם טוט באַנג, ווען מען פֿליט אַוועק, און איך פֿריי מיך, ווען מע קומט צו פֿליִען – האָט מערקע אויסגערופֿן!

"עברתי בגבעת־שאול ושמעתי צעקה מוזרה: 'קורלי, קורלי, קורלי'. ואני נושאת את עיניי ורואה המון חסידות. רבות מהן קפצו הלוך וחזור, אחרות התעופפו באוויר. ואז הבנתי שהן עפות אל המקום שממנו הן באו. נתמלאתי צער גדול כל־כך. עמדתי כדי ללוות את החסידות בדרכן הארוכה, ולכן אחרתי."

"האחד עצוב כשמתעופפים הלאה, ואני שמחה כשעפים לכאן ובאים", הכריזה מרקה.

שבֿע, פֿאַרגין זיך!

נישט ווײַט פֿון תּלפּיות, אין גבֿעת אליהו, איז אײַנגעשטאַנען דער גדוד אויף יוסף טרומפּעלדאָרס נאָמען. עטלעכע באַראַקעס פֿון גאָפֿרירטן דיקן בלעך מיט פּיטשינקע פֿענצטערלעך אויף הויכע פֿונדאַמענטן. אין אָט די באַראַקעס האָבן געהאַט זייער ״גרויס־אַרטיקע״ אויסקומעניש די גדודניקעס. נאָך דער שפּאַלטונג אויף לינקע און רעכטע האָט מען די באַראַקעס צעטיילט. די קינדער אויך. רעכטע קינדער און לינקע קינדער, וואָס קאָן זײַן מער אומגעלומפּערט?

לאה בריל איז די דערציִערין פֿון דער עלטערער גרופּע. דרײַ־פֿיר־יאָריקע פּישערס זענען געווען נאָר אין איר רשות. אַפֿילו די מאַמעס פֿלעגט זי אַרײַנלאָזן מיט גרימעניש. אַלץ געטאָן אַליין – געוואַשן, געראַמט, געבאָדן, געזעצט די קינדער אויף די טעפּלעך. די טעפּלעך האָבן געבלאַנקט ווי וואַזעס. גראָד איצטער, בעת שבֿע און שירקע זיצן אויף צוויי גרויסע שטיינער, צווישן די שטיינער שטייט אַ שיסל, זיי רייניקן און בראָקן ציבעלעס, ס׳רינען טרערן, פֿאַרשטייט זיך, אָבער דאָס האַמעוועט נישט לאהן, זי איז צוגעלאָפֿן צו שירקען און געמומען שרײַען ווי אַ באַנומענע:

– אַ מאַמע ביסטו, ביסט דאָך ווייבער פֿון אַ שטיין! דו ביסט דאָך די באַלעבאָסטע, דו קויפֿסט אַלץ אײַן, דו ווייסט כאָטש, אַז איך וואַש די טישלעך, די בענקלעך און די פּאָדלאָגע מיט פּשוטן זייף. קיין מאַנדלזייף האָסטו נישט געקויפֿט, האָסט פֿאַרגעסן, טײַערע מאַמע!

– איך ענדיק מיט די ציבעלעס, נעם איך דעם אייזל און גיי אין שטאָט, וועל איך דיר ברענגען מאַנדלזייף, זאָלסט קענען וואַשן די פּאָדלאָגעס מיט די טעפּלעך – נאָר מיט דעם בעסטן זייף, און טו מיר אַ טובֿה, שרײַ נישט אויף מיר.

איצט זיצן זיי, שבֿע און שירקע, און ענדיקן בראָקן די ציבעלעס, נאָר די טרערן רינען ווי עס געהער צו זײַן. דאָס איז דאָך אַ

שבע, תפרגני לעצמך!

לא הרחק מתלפיות, בגבעת אליהו, ישב הגדוד על שם יוסף טרומפלדור. שני ביתנים עשויים פח עבה, מגולוון עם חלונות קטנים, על יסודות גבוהים. בשני הביתנים הללו הייתה לגדודניקים פרנסה "אדירה". לאחר הפילוג לשמאלנים ולימניים, חולקו גם הצריפים. גם הילדים חולקו. ילדים ימניים וילדים שמאלנים. מה יכול להיות מעוות יותר?

לאה בריל היא המחנכת של הקבוצה הבוגרת יותר. קטנטנים בני שלוש־ארבע היו ברשותה בלבד. אפילו להכניס את האימהות עלה לה בכאב בטן. הכול היא עשתה בעצמה: כיבסה, ניקתה, רחצה, הושיבה את הילדים על סירים. הסירים הבהיקו כאגרטלים. ועכשיו שבע ושירקה יושבות על שתי אבנים גדולות ובין האבנים ניצבת קערה והן קולפות וחותכות בצלים, עיניהן דומעות כמובן. הדבר אינו עוצר את לאה. היא באה בריצה אל שירקה והחלה לצרוח בטירוף:

"האם את אמא? את הרוך שבאבן! את הרי בעלת־הבית, את קונה הכול. האם את יודעת לפחות שאיני רוחצת את השולחנות הקטנים, את הספסלים ואת הרצפה בסבון פשוט? סבון שקדים לא קנית. שכחת, אמא יקרה!"

"אני גומרת עם הבצלים ואז אקח את החמור ואלך העירה ואביא לך סבון שקדים כדי שתוכלי לשטוף את הרצפות ואת הסירים רק בסבון הטוב ביותר. ותעשי לי טובה, על תצעקי עלי."

עכשיו הן יושבות, שבע ושירקה, מסיימות לקצוץ את הבצלים והדמעות זולגות כמו שצריך. הרי זה דבר ידוע. את קוצצת בצלים

באַוווּסטע זאַך. בראָקסט ציבעלעס, גיסן זיך טרערן, און אַז דו בראָקסט נישט קיין ציבעלע קאָנען אויך רינען טרערן. שבֿע האָט אַוועקגעלייגט דאָס מעסער, אויסגעווישט די טרערן... מיטן ברעג פֿון פֿאַרטעך און פֿאַרטרוילעך, שטיל אָנגעהויבן:

– הער זיך איַין, שירקע, וואָס איך וועל דיר זאָגן. נעכטן, איך גיי מיר אַרויס זיך אָנוואַרעמען אונטער דער לבֿנה, גייט צו מיר צו שכנא עפּראָס און מאַכט נישט מער נישט ווייניקער:

– שבֿע, איך וויל זאָלסט ווערן מיַין וויַיב, מיר וועלן אַרויסגיין פֿון לינקן גדוד און מיר וועלן ווערן עצמאים, באַלעבאַטים פֿאַר זיך.

– איידער ער האָט דיר דאָס געזאָגט, האָסטו אים געהאָט אין אויג, האָסט געטראַכט וועגן אים, צי ער האָט זיך דיר געחלומט אַ מאָל?

– וואָס רעדסטו, וואָס האָב איך צו טראַכטן וועגן אים? ער איז דאָך גרויס ווי אַ טל־ומטר... אין חלום זאָל איך אים זען? וואָס רעדסטו, שירקע?

– איך מיין, אַז איך רעד צו דער זאַך, ווי באַלד ער איז, נעבעך, נישט אויסגעוואַקסן און אין אויג האָסטו אים נישט געהאַט, און געטראַכט האָסטו וועגן אים, ווי וועגן דעם פֿאַראַיאָריקן שניי, טאָ זוך זיך אויס אַ העכערן אין וווקס, וואָרעם עס וועט דאָך זיַין אַזוי – דו וועסט טראָגן, דו וועסט האָבן, דו וועסט נאָך דעם אַרויסנעמען עטלעכע מאָל אין טאָג דאָס, וואָס עס איז באַהאַלטן אונטערן בלוזקע, טאָ וואָס איז צו רעדן פוסטע רייד? מע גייט צו צו אַ בחור און מע זאָגט אים פּראָסט־פּשוט: ״דו האָסט אַ גוטן וווקס און אַ פֿייַנע צורה, איך וויל זאָלסט זיַין מיַין מאַן״. אויב מע וועט דיר אָפּזאָגן, וועסטו דאָך אויך איבערלעבן, דעריבער זאָג איך דיר נאָך אַ מאָל, פֿאַרגין זיך, זיַי נישט קיין צעקראָכענע בעבלעך!

והדמעות זולגות. אבל גם כשאינך קוצצת בצלים, דמעות עלולות לזלוג. שבע הניחה את הסכין, מחתה את הדמעות בשולי הסינר, והחל לומר חרש, בקול עצוב:

"הקשיבי שירקה למה שאומר לך. אתמול יצאתי להתחמם תחת הלבנה, וניגש אלי שכנה אֶפְּרוֹס ואומר לי לא פחות ולא יותר כך: 'שבע, אני רוצה שתהיי אשתי. נצא מן הגדוד השמאלני ונהיה עצמאיים. נהיה בעלי בתים לעצמנו.'"

"לפני שהוא אמר לך את זה, שמת לב אליו? חשבת עליו? חלמת עליו פעם?"

"על מה את מדברת? מה יש לי לחשוב עליו? הרי הוא גדול כטל־ומטר... האם עלי לראות אותו בחלום? על מה את מדברת, שירקה?"

"אני חושבת שדברי הם דברי טעם. כמו שהוא, הוא הרי 'נֶבֶּך' שלא צמח לגובה ואת לא העפת בו מבט, וחשבת עליו כמו על השלג דאשתקד, תחפשי לך אחד יותר גבוה, כי אחרת מה שיהיה יהיה כך: את תהרי, את תלדי, את תשלפי כמה פעמים ביום את מה שמוסתר מתחת לחולצה... אז מה יש לדבר דברים ריקים? ניגשים אל הבחור ואומרים לו בפשטות: 'אתה בעל קומה מתאימה וצורה טובה, אני רוצה שתהיה בעלי'. ואם יסרבו לך, את תתגברי על זה. לכן אני אומרת לך שוב, תפרגני לעצמך, אל תהיי 'שעועית רכה מדי'!"

געטלעכע צעשטראַלטקייט

די קינדערהיים אין "גדוד העבֿודה" אין ירושלימער פּלוגה איז געווען דאָס רײַכסטע אָרט. ווײַל וואָס קאָן זײַן רײַכער פֿון ריינקייט? אַלץ האָט דאָרטן געגלאַנצט. פֿון די שטולעכלעך מיט די טישעלעך ביז די אומפֿאַרמײַדלעכע טעפּעלעך האָט לאה בריל געשײַערט און געוואַשן אָן אויפֿהער. אויף דער פּאָדלאָגע האָט מען געקאָנט לייגן קאַשע. פֿון גאַנץ פֿרי ביז שפּעט בײַ נאַכט האָט לאה בריל נישט גערוט. צו די פֿײַערלעכע שעהען איז זי אַלע מאָל געווען אָנגעטאָן אין איר קלאָר־ווײַסן כאַלאַט, אונטער דער געלער פֿאַטשיילקע אַרונטערגענומען ביז איין הערעלע. די געוואַשענע הענט נאָך אַ מאָל געשווענקט. די שרײַענדיקע הונגעריקע קינדער איבער־געוויקלט אין טרוקענע ווינדעלעך. זיך ענדלעך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטולעכל לעבן קײַלעכדיקן טיש. דער ווײַסער טשײַניק אויפֿן טיש איז אויך פֿײַערלעך אויסגעפּוצט. די טעפּלעך אַרום אים בלאַנקען. לאה קוקט צו דער טיר. און נישט אומזיסט.

אָט איז אַרײַנגעקומען ווערע בערנזאָן. מיט איין שפּרײַז איז זי שוין בײַם בעטעלע, נעמט איר מיידעלע אַזוי פּאָרזיכטיק, ווי עס וואָלט געווען אַ דינסטער מושל. זעצט זיך גיך אַוועק, שפּיליעט פֿונאַנדער דאָס קאָפּטל, טוט אַ דריי מיטן קאָפּ, די געדיכטע האָר זאָלן נישט פֿאַרשטעלן דאָס פּנים. נעמט אַרויס פֿון אונטער דעם קאָפּטל אַ קײַלעכיקע ווײַסע שטײַפֿע ברוסט מיט אַ ראָז אַפּעלע. איר קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזן. זי קוקט ווי דאָס קינד זויגט, נאָר ווען זי טוט אַ הייב דעם קאָפּ, זעט מען איר ליכטיקן פּנים. זי איז נישט זייער קיין שיינע, נאָר איצט איז זי פֿאַרגאָסן מיט אַזאַ הייליקער שײַן. דאָס ייִנגעלע האָט זיך פֿאַרהוסט – אַזוי שפּעדיק רינט די מילך בײַ איר. ס'איז אַ חידוש, ווי אין אַזעלכע קליינינקע קאָן אַרײַן אַזוי פֿיל מילך.

זוהר אלוהי

בית הילדים בגדוד העבודה בירושלים היה המקום העשיר ביותר. וכי מה יכול להיות עשיר יותר מניקיון? הכול הבריק שם. מן הכסאות הקטנים והשולחנות ועד לסירים שאין להם תחליף, את הכול הייתה לאה בריל מצחצחת ורוחצת ללא הרף. על הרצפה יכולת להניח דיסה. מהשכם בבוקר ועד שעת לילה מאוחרת לאה בריל לא נחה לרגע. לכבוד ההזדמנויות החגיגיות הייתה לאה בריל לובשת את החלוק הלבן הבוהק, שערה היה אסוף מתחת למטפחת. את ידיה הנטולות היא הייתה שוטפת פעם נוספת. את הילדים הצועקים והרעבים היא חיתלה בחיתולים נקיים ואז הייתה מתיישבת על שרפרף ליד השולחן העגול. הקומקום הלבן על השולחן, גם הוא היה מקושט באורח חגיגי. הסירים סביבו נצצו. לאה הביטה לעבר הדלת. ולא לשווא הביטה.

הנה נכנסה ורה ברנזון, ובצעד אחד היא כבר ליד המיטה הקטנה, מוציאה את בתה בזהירות, כמו היה מדובר בצדף דק שבדקים. מתיישבת, פותחת את כפתורי הגופיה, מנערת את ראשה כדי ששערה העבות לא יסתיר את פניה. ומתוך הגופיה היא הייתה שולפת שָׁד עגול, לבן ונוקשה, בעל פטמה ורודה. ראשה מורכן. היא מתבוננת כיצד התינוקת יונקת, וכשהיא מרימה את ראשה נראות פניה המוארות. היא אינה יפהפייה, אולם כעת היא אפופה במין אור של קדושה. הילדה השתעלה, משפע החלב הנובע. מפליא הדבר שבקטנים כאלו יכול להיכנס חלב רב כל כך.

לעבן חיהלען האָט זיך אַוועקגעזעצט מלכּה. אַ וווקסיקע פֿרוי, מיט געדיכטע שוואַרצע אונטערגעשווירענע האָר, גראָע אויגן. דאָס קינד זעט אויס אין אירע הענט קליין. אירע וויִעס זענען אַראָפּגעלאָזן, דער האַלדז הויך. מאָדעליאַני וואָלט דאָס מיט חשק געמאָלט! אַלע מאָל הייבט זי אונטער מיט דער רעכטער האַנט די לינקע ברוסט, ווײַל אַנדערש קאָן זי, חלילה, אַרויפֿפֿאַלן אויפֿן קינד.

אָט איז אַרײַנגעקומען ציפּורקע בלום. אַ יאָדערדיק־געקנאָטענע ליטוואַטשקע. זי טוט אַ כאַפּ איר קינד אין אײַלעניש, ווײַל זי האָט אַ ביסעלע פֿאַרשפּעטיקט. די פֿרישע ליפּן זענען אַ ביסל אָפֿן, די געדיכטע ווײַסע ציין, ווי יונגער קנאָבל. דאָס וואָס זי האָט אַרויסגענומען פֿון אונטער דער בלוזקע איז פּונקט אַזוי פֿריש ווי בײַ די פֿריִער געקומענע, אָבער מער קײַלעכיק, שטײַף און אָן בלאָלעבע אָדערלעך.

דערנאָך זענען געקומען מאַניע עלקינד, שפֿרה טולטשינסקי און בלומעלע וואַנסקי. מע קאָן דאָ ווידער אויסרעכענען די גאַנצע פּראַכט, וואָס עס שטראָמט פֿון זיי אַלעמען. אָט לויפֿט אַרײַן רחל ינאית. זי אַרבעט בײַ פֿלאַנצן און האָט קיין צײַט נישט. פֿאַר די פּאָר מינוט, וואָס זי שטייט דאָ, באַווײַזט זי נאָר עטלעכע מאָל אַ שטילן קנאַק טאָן מיטן שטולעכל, זיך זעצן לעבן אַ זייגנדיקער און שאָקלען מיטן קאָפּ. אירע אונטערגעשווירענע גרוילעכע האָר שפּרייטן זיך פֿונאַנדער. אַזוי זיצט זי און הערט נישט אויף צו שאָקלען מיטן קאָפּ. זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט עפּעס צו טאָן און רופֿט אויס צו לאה בריל:

– לאהקע, קום אַהער! גיב אַ קוק, ווערסט זיך מחיה זײַן. איך ווייס נישט צי דו געדענקסט דאָס בילד מאָנאַ ליזאַ. נאָר ווי קומט מאָנאַ ליזאַ צו דעם! צו אַזאַ שפֿע פֿון געטלעכער צעשטראַלטקייט?

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר פּלוצעם הערט זיך ציפּורקע בלומס קול:

– אַז דו ווערסט האָבן, ווערסטו געבן.

זי שרײַט אַזוי, ווײַל לאה בריל האָט צוגעטראָגן יוחנען, ברוריהס יינגעלע, ציפּורקע זאָל אים אָנזייגן.

ליד חיה׳לה מתיישבת מלכה. אישה גדולה, בעלת שיער שחור קצוץ, עיניה אפורות. הילד נראה זעיר בתוך ידיה. שמורות עיניה שמוטות, צווארה גבוה. מודיליאני היה מצייר אותה בחשק! בכל פעם היא מרימה בידה הימנית את השָד השמאלי, שאם לא כן השד עלול, חלילה, ליפול על הילד.

הנה נכנסה ציפורקה בלום הליטאית. היא חוטפת את הילד שלה בחופזה, משום שהיא איחרה מעט. השפתיים הרעננות פשוקות מעט, שיניה הלבנות כשום צעיר. מה שהיא שלפה מתוך החולצה היה רענן בדיוק כמו אצל האחרות, אך עגול יותר, נוקשה ונטול נימים כחלחלים.

לאחר מכן הגיעו מַנְיָה אֶלקינד, שפרה טולטשינסקי ובְּלוּמֶלֶה וַונסקי. אפשר כמובן לספור שוב את כל המטען הנפלא שנובע מכולן. הנה נכנסת בריצה רחל ינאית. היא עובדת בנטיעות ואין לה זמן. ברגעים הספורים שהיא עומדת פה, היא מזיזה כסא ומתיישבת ליד אחת המיניקות ומנענעת בראשה. שיערה המאפיר והמסופר מתנופף לצדדים. כך היא יושבת ואינה חדלה מלנענע בראשה. לפתע היא נזכרת שיש לה משהו לעשות והיא קוראת לעברה את לאה בריל:

״לֵייקֶה, בואי הנה! תני מבט ותהני. אינני יודעת אם את זוכרת את התמונה של מונה ליזה. אולם איך אפשר להשוות את מונה ליזה לזה? לשפע כזה של זוהר אלוהי.״ היא ביקשה לומר דבר־מה נוסף, אך פתאום נשמע קולה של ציפורקה בלום:

״כשתלדי תתני את.״

היא צועקת כיוון שלאה בריל הגישה לה את יוחנן, בנה של ברוריה, כדי שציפורקה תניק אותו.

– כ׳וועל שטעלן די פֿראַגע אויף אונדזער אַסיפֿה. דו ביסט די ערשטע, וואָס האָט אָפּגעזאָגט אָנצוזייגן אַ הונגעריק קינד.

– ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי וועט זײַן. איך בין נישט שולדיק, אַז יוחננס מאַמע האָט נישט קיין מילך, קענסט שטעלן די פֿראַגע ווו דו ווילסט.

"אני אעמיד את השאלה באסיפה. את הראשונה שסירבה להיניק תינוק רעב."

"כמו שאמרתי, כך יהיה. אני לא אשמה שלאמו של יוחנן אין חלב. את יכולה להעלות את הנושא היכן שאת רוצה."

מײַן ערשטע שטעלע

מײַן ערשטע שטעלע איז געקומען פֿאַר מיר אומדערוואַרט. אין יאָר 1926 איז אין פּאַלעסטינע געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. איך האָב אַלע מאָל ליב געהאַט צו זאָגן, וואָס איך טראַכט, האָב איך גערעדט, אַז פֿריִער זענען מיר געווען טעבטער בײַ טאַטע־מאַמע און איצטער זענען מיד טעבטער אין "גדוד". די בחורים וואָלטן אויך דאָס געקאָנט טאָן, אָבער די מיידלעך קאָנען דאָך געוויס זײַן שטוב־אַרבעטערס. ווי באַלד איך האָב געזאָגט, בין איך די ערשטע אַוועק און די שטעלע איז געווען נישט קיין שלעכטע. כ'האָב פֿאַרדינט בײַ צוויי מיט אַ האַלבן פֿונט אַ חודש און ביז אַ לעצטער פּרוטה אַוועקגעטראָגן אין גדוד. כ'זאָל זאָגן, אַז די אַרבעט איז געווען גרינג – קאָן איך נישט. ס'איז געווען פֿיר צימערן אונטן, אינעווייניקסטע טרעפּ און פֿיר צימערן אויבן, אָן אַ שיִעור מעבל, טעפּעכער. אַ ייִנגעלע פֿון דרײַ יאָר. די מאַדאַם אַליין איז מער געלעגן, ווי אַרומגעגאַנגען. זי פֿלעגט אָנלייגן אין אַ פּענכער שטיקלעך אָנגעהאַקטע אײַז, אויסשפּרײַטן אַ האַנטעך אויפֿן קאָפּ און דעם פּענכער פֿאַרוויקלען מיטן האַנטעך. אַלע מאָל האָט איר געחלשט דאָס האַרץ נאָך אַ ביסל מאַראַנצן־זאַפֿט, אַ שטיקעלע געבעקס, אַ שטיקל געפֿילטע פֿיש. שווערער פֿון אַלץ איז געווען זיך אויסלערנען קאָכן קאַווע. נאָר מיט דער צײַט האָב איך די חכמה באַהערשט, ווײַל זי האָט ליב געהאַט אָפֿט נעמען אַ שלונג קאַווע. פֿאַרשטייט זיך, אַז זי פֿלעגט אַ מאָל זיך אויפֿהייבן אויך, מיט אַ שמאַטקעלע פֿאַרבינדן דעם ווײַזפֿינגער, אומגיין און ווישן דעם שטויב, דערנאָך באַטראַכטן דאָס שמאַטקעלע אויפֿן פֿינגער און אַ זאָג טאָן "דאָבזשע", ווײַל זיי האָבן אַלע גערעדט צווישן זיך פּויליש – די מאַדאַם, דער ברודער דער אויגן־דאָקטער און דער מאַן, וואָס איז געווען לערער אין אוניווערסיטעט. צי דען דאַרף איך דאָ זאָגן, אַז פֿון זיבן אַ זייגער אין דער פֿרי ביז אַכט אַ זייגער אין אָוונט בין איך קיין ווײַלע ניט געשטאַנען; געזעסן נאָר ווען איך האָב

המשרה הראשונה שלי

המשרה הראשונה שלי הגיעה אלי באופן בלתי צפוי. בשנת 1926 הייתה בפלשתינה אבטלה קשה. תמיד אהבתי לומר את כל מה שאני חושבת, ולכן פטפטתי ואמרתי שקודם היינו בנות אצל אבא־אמא ועכשיו אנחנו בנות של הגדוד. גם הבחורים יכולים לומר את דברים כאלו, אמרתי, אך הבנות יכולות ללא ספק להיות עובדות־בית. למרבה הפלא, אחרי שאמרתי את הדברים, הייתי הראשונה שהלכה, והמשרה לא הייתה רעה. הרווחתי כשתיים וחצי לירות בחודש, ומסרתי הכול לגדוד, עד לפרוטה האחרונה. איני יכולה לומר שהעבודה הייתה קלה. היו ארבעה חדרים למטה, מדרגות פנימיות וארבעה חדרים למעלה, רהיטים למכביר ושטיחים. והיה ילדון בן שלוש. הגברת עצמה שכבה יותר משהיא התהלכה. היא נהגה למלא כלי עם חתיכות קרח מרוסקות, לפרוש מגבת על ראשה ואת הכלי לכרוך במגבת. לעתים קרובות הייתה מתמלאת בתשוקה למעט מיץ תפוזים, לפרוסת מאפה, לחתיכה של געפילטע פיש. הדבר הקשה ביותר עבורי היה ללמוד להכין קפה. אבל עם הזמן השתלטתי על ה"חכמה" הזו, כיוון שהיא אהבה ללגום קפה מדי פעם. מובן מאליו שהיא הייתה קמה לעתים, קושרת את האצבע במטלית, מהלכת ומקנחת את האבק, ואחר כך מתבוננת במטלית שעל האצבע ופולטת "דוֹבְּזֶ'ה" [טוב, בפולנית, ל.א.], כיוון שכולם דיברו פולנית: הגברת, האח, רופא העיניים והבעל, שהיה מורה באוניברסיטה. אני חייבת לומר שמן השעה שבע בבוקר ועד שמונה בערב לא עצרתי לרגע. ישבתי רק

צוגעביסן. אמת, אויפֿן צווייטן חודש האָט זי מיר שוין געצאָלט דרײַ פֿונט.

פֿאַרנאַכטלעך, ווען די מאַנצבילן פֿלעגן קומען פֿון דער אַרבעט, איז שוין בײַ מיר אַלץ געווען גרייט אויפֿן טיש. איידער זיי פֿלעגן אָנהייבן עסן, פֿלעגן זיי אומרויִק רופֿן די בעלת־הבית.

– קום אַהער, עס עפּעס, ווי פֿילסטו זיך?

איך האָב דאָס אַלץ געהערט און זיך געוווּנדערט, פֿאַר וואָס זי זאָגט נישט, אַז זי האָט אַ גאַנצן טאָג "עפּעס" געגעסן. איך געדענק שוין נישט, אויפֿן דריטן חודש, צי אויפֿן פֿערטן, איין מאָל, ווען די מאַנצבילן האָבן שוין אָנגעהויבן עסן און זי גערופֿן, האָב איך שוין נישט אויסגעהאַלטן:

– עסט, עסט, לאָזט זי צו רו, אַ גאַנצן טאָג עסט זי, זי טרינקט זאַפּט, טרינקט קאַווע, עסט געבעקס און אַלע מאָל, ווען איך קאָרמע דאָס קינד, עסט זי אויך, אַ סך מערער פֿון אים.

אויף מאָרגן, ווען די מאַנצבילן זענען אַוועק צו דער אַרבעט, האָט זי אַ שמיץ געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע דאָס געלט, וואָס זי האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק מיר צו באַצאָלן און געזאָגט:

– פֿאַרמאַך די טיר פֿון יענער זײַט.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט מײַן שטעלע בײַ איר.

כשאכלתי משהו. והאמת היא כי חודש לאחר מכן היא כבר שילמה לי שלוש לירות.

לפנות ערב, כשהגברים היו שבים מן העבודה, השולחן היה כבר ערוך ומוכן עבורם. ותמיד, לפני שהם היו מתחילים לאכול, הם נהגו לקרוא לבעלת הבית בדאגה:

"בואי לכאן, אכלי משהו. איך את מרגישה?"

את כל זה שמעתי והדבר עורר בי תמיהה. מדוע היא אינה אומרת להם שבמהלך היום כולו היא אכלה "משהו". איני זוכרת עוד אם היה זה בחודש השלישי או הרביעי, כשבאחת הפעמים, כשהגברים כבר החלו לאכול וקראו לה, לא יכולתי עוד להתאפק ואמרתי:

"אִכלו, אִכלו, הניחו לה. היא אוכלת כל היום, שותה מיץ, שותה קפה, אוכלת דברי מאפה ובכל פעם שאני מאכילה את הילד, גם היא אוכלת, והרבה יותר ממנו."

למחרת, כשהגברים יצאו לעבודה, היא השליכה על הרצפה את סכום הכסף שהיא הייתה חייבת לי ואמרה:

"סגרי מאחורייך את הדלת."

בכך הסתיימו ימי העבודה שלי אצלה.

טרעף!

זיך פֿאַרנעמען מיט רכילות אין דער פּלוגה פֿון "גדוד העבֿודה" איז געווען אוממעגלעך. אָבער מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש! די היץ איז גרויס, אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט ביז אַכט אַ זייגער אין דער פֿרי און געמאַכט אַ טאָלק מיטן כּבֿיש. איצט האָט מען אָפּגעגעסן דאָס וואָס עס איז געווען. זיצן רחל פּינקס און נחמה די ליטוואַטשקע פֿון בית־סגולה און אסתּרקע, וואָס קיינער ווייסט נישט פֿון וואַנען זי איז געקומען. רחל פּינקס דריקט אויס, ווי זי קען, איר מיינונג וועגן דער ליטוואַטשקע. זי ווייסט אַפֿילו צו זאָגן, אַז ניצן גייט צו אָפּט אין דער מספּרה צו דער ליטוואַטשקע. בײַ די ווערטער שטעלט זיך אַרײַן ניצן. טוט רחל פּינקס כּמעט אַ קוויטש, צעשמייכלט זיך און רופֿט אויס: "אַז מע דערמאָנט די זון, קומען אירע שטראַלן..." ניצן צעשמייכלט זיך אויך. הייבט אויף זײַנע ביידע הענט און לאָזט זיי אַראָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט געשפּאָלטן אַ שטיין. פֿון זײַן פּנים פֿאַרשווינדט דער שמייכל און ער גיט אַ זאָג צו רחלען:

– אַ געזונט אין דיר, ווי גוט דו ביסט, ווען מען וואָלט דיך צוגעלייגט צו אַ מכּה, וואָלט זי גלײַך אויפֿגעריסן.

געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען געזען דורך די פֿענצטער פֿון חדר־האוכל, אַז ניצן גייט מיט דער ליטוואַטשקע הינטער דעם לעצטן צריף. מען האָט שוין געוווּסט, אַז ניצן האָט עפּעס אַ מאַכערײַקע הינטער דעם צריף. ער האָט זי אַרײַנגעפֿירט און האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַ בערגל ליים אַ נאַסע שמאַטע, וואָס האָט צוגעדעקט דאָס בערגל. ער האָט שטרענג, ערנסט און זייער גיך אַ זאָג געטאָן צו דער ליטוואַטשקע: "קוק, זע! קוק גוט!" זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם בערגל ליים און אויסגערופֿן:

– איך פֿאַרשטיי נישט וואָס דאָס איז.

– טרעף!

נַחֲשִׁי!

להתעסק ברכילות בפלוגה גדוד העבודה היה בלתי־אפשרי. ובכל זאת, הרי בני־אנוש אנו! החום מעיק, עובדים כל הלילה עד שמונה בבוקר, סוללים את הכביש. ועכשיו מסיימים לאכול את מה שהיה. יושבות להן רחל פינקס ונחמה הליטאית מבית־סגולה ואסתרקה, שאיש אינו יודע מנין הגיעה. רחל פינקס מביעה את דעתה, כפי שהיא יודעת, על אודות הליטאית. היא אפילו יודעת לומר שניצן הולך לעתים קרובות מדי למספרה, אל הליטאית. בעוד היא מדברת, מופיע ניצן. רחל פנקס משמיעה כמעט צווחה, מחייכת ומכריזה: "כשמזכירים את השמש, מופיעות קרניה..." ניצן מחייך אף הוא. הוא מניף את שתי ידיו ושומט אותן, כמו ביקש להבקיע אבן. החיוך נעלם מפניו והוא אומר לרחל:

"שתהיי בריאה, כמה טובה את, אם היו שמים אותך ליד מורסה, היא הייתה מתבקעת מיד."

אמר ויצא החוצה. לאחר זמן־מה, ראו מחדר האוכל את ניצן הולך עם הליטאית מאחורי הצריף האחרון. כבר ידעו שלניצן יש משהו מאחורי הצריף. הוא הוביל אותה ולאחר מכן הסיר סחבה רטובה שכיסתה גבעה של חימר. בקשיחות, ברצינות ובחיפזון הוא אמר לליטאית: "הסתכלי! התבונני היטב!" והיא הסתובבה סביב גבעת החימר והפטירה:

"אינני מבינה מה זה."

"נחשי!"

ער האָט זי גענומען פֿאַר דער האַנט און געפֿירט אַרום דעם בערגל און כּסדר איבערגעחזרט:

– נו, קוק! קוק! ביסט דאָך נישט קיין בלינדע.

זי האָט אָנגעשטרענגט איר בליק און פּלוצעם אויסגעשריען:

– איך פֿאַרשטיי!... דאָס ביסטו און איך געמאַכט פֿון ליים. איך זע קלאָר, דו האָסט אונדז ביידע געמאַכט פֿון ליים, ווי מיר קושן זיך. אָבער פֿאַר וואָס ליג איך פֿון אונטן און דו פֿון אויבן?...

הוא אחז בידה והוביל אותה סביב הגבעה, כשהוא חוזר ואומר פעם אחר פעם:

"נו, תסתכלי! תסתכלי! הרי אינך עיוורת."

היא אימצה את עיניה ולפתע קראה:

"אני מבינה!... זה אתה ואני עשויים מחימר. אני רואה בבירור, אתה יצרת את שנינו מחימר, כשאנחנו מתנשקים. אבל מדוע אני שוכבת למטה ואתה למעלה?..."

ער וועט מוזן אַראָפּלאָזן די הויזן

בײַם טיש אין גאָרקיך פֿון "גדוד העבֿודה" אין ירושלים זענען געזעסן עטלעכע מענטשן און האָבן שטיל געשמועסט צווישן זיך. מאָטקע האָט זיך צוגעהערט צום שמועס און האָט געפֿרעגט בײַ יצחק לאַנדאָבערגן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן יצחק שׂדה:

– ווי מיינסטו, יצחק, וויפֿל בחורים דאַרפֿן גיין צו אַזאַ זאַך? איך זע אַז דו ווילסט אויף דעם שיקן אַ גאַנצן פּאָלק.

– מען דאַרף נישט. איך מיין, אַז אַ פֿינף־זעקס בחורים זענען גענוג.

– דאָס איז זייער אַ שטילער ענגלענדער – האָט יצחק ממשיך געווען – וואָס ער טוט בײַ טאָג ווייס איך נישט, נאָר אין די אָוונטן שטייט ער אויף יפֿו־גאַס, בײַם קינאָ; ער פֿירט זיך אויף לײַטיש, ער שלעפּט נישט אַראָפּ, ווי די אַנדערע ענגלענדער, אַן אַראַבער אַ רײַטער, פֿון זײַן אייזעלע. אָבער דוואָרקין האָט יענע וואָך דערציילט, אַז ער אַליין האָט געזען ווי מען האָט געשמיסן פּאָליטישע אַרעסטירטע אין דער טורמע. זײַנען מיר מחויבֿ אים צו בעטן, דעם ענגלענדער הייסט עס, אַז ער זאָל זיך אַוועקלייגן און מיר וועלן אים אָפּשמײַסן.

אויף דער נאַכט זענען פֿינף בחורים צוגעגאַנגען צום ענגלענדער לעבן קינאָ אויף יפֿו־גאַס. יצחק האָט זיך צוגערוקט צו נחמנען און האָט אים עפּעס שטיל אַ זאָג געטאָן.

דער ענגלענדער האָט באַטראַכט די בחורים וואָס זענען געקומען און ער האָט גענומען אָפּשפּיליעווען דעם רימען און ביז וואָס און ווען, איז דער ענגלענדער שוין געווען פֿאַרטיק. נישט געשטאָרבן, חלילה־וחס, נאָר מאָטקע האָט ערנסט באַטראַכט דאָס אָרט, וואָס איז מיט אַ ווײַלע צוריק געווען פֿאַרדעקט מיט די הויזן און האָט אַרײַנגעהויכט יצחקן אין אויער:

– דו ווייסט געוויס, אַז ער האָט געשמיסן פּאָליטישע אַרעסטירטע?

הוא ייאלץ לפשוט את מכנסיו

ליד השולחן, בבית התמחוי של גדוד העבודה בירושלים, ישבו כמה אנשים ושוחחו ביניהם חרש. מוטקה הקשיב ושאל את יצחק לנדוברג, שלאחר מכן הפך ליצחק שדה:

"מה אתה חושב, יצחק: כמה בחורים צריכים ללכת לדבר כזה? אני רואה שאתה רוצה לשלוח למשימה גדוד שלם."

"אין צורך. אני חושב שחמישה או ששה בחורים יספיקו."

"זה אנגלי שקט מאוד", המשיך יצחק, "מה מעשיו ביום איני יודע, אך בערבים הוא עומד ברחוב יפו, ליד הקולנוע. הוא מתנהג באורח הוגן, ובניגוד לאחרים הוא אינו גורר רוכב ערבי מעל לחמור שלו. אך בשבוע שעבר דבורקין סיפר שהוא עצמו ראה כיצד הצליפו בכלא באסירים פוליטיים. לכן אנחנו מחויבים לבקש ממנו, כלומר מן האנגלי, לשכב כדי שאנחנו נצליף בו."

בערב ניגשו חמישה בחורים אל האנגלי ליד הקולנוע ברחוב יפו. יצחק התקרב אל נחמן ולחש לו משהו. האנגלי סקר את הבחורים שהגיעו והחל להתיר את החגורה, אך בן־רגע האנגלי היה גמור. לא מת, חלילה וחס, אך מוטקה התבונן בו ברצינות במקום שלפני רגע היה מכוסה במכנסיים, ולחש ליצחק:

"אתה בטוח בוודאות גמורה שהוא הצליף באסירים פוליטיים?"

– מאָטקע, איצט איז דאָס נישט וועזנטלעך, העלף דעם ענגלענדער ער זאָל קאָנען צוריק אָנטאָן די מכנסיים...

שטיין האָט דער ענגלענדער נישט געקאָנט, ער האָט קרעכצנדיק קוים אַרויסגערעדט:

– פֿאַר וואָס האָט איר דאָס געטאָן מיט מיר? אין וואָס בין איך שולדיק?

– דו ביסט אין גאָרנישט שולדיק, נאָר זאָג דײַן אויפֿזעער מ'זאָל קיין פּאָליטישע אַרעסטירטע מער גישט שמײַסן. אויב ער וועט אונדז נישט פֿאָלגן, וועט ער אויך מוזן אַראָפּלאָזן די הויזן.

"מותקה, זה לא מהותי כרגע, עזור לאנגלי כדי שיוכל ללבוש את המכנסיים..."

האנגלי לא היה מסוגל לעמוד. תוך כדי אנחות, הוא שאל:

"למה עשיתם לי את זה? במה אתם מאשימים אותי?"

"אינך אשם בדבר. אך אמור למפקד שלך לא להצליף עוד באסירים פוליטיים. אם הוא לא ישמע בקולנו, גם הוא ייאלץ לפשוט את מכנסיו."



הנציגות לבדיקת אפשרות ההתיישבות החלוצית הארץ־ישראלית בקרים.
מימין לשמאל: שוחט, "מכנו", אלקינד ושטורמן (האחרון לא הצטרף בסופו של דבר למשלחת שיצאה לקרים)



מניה ומנדל אלקינד



חלוצים חורשים בשדות



המתפרה ברמת רחל

אין קרים

בִּקְרִים

אַ יידישע קאָמונע אין קרים

"אַ יידישע קאָמונע אויף גאַנץ קרים"! – נישט מער און נישט ווייניקער, אַזוי האָט דאָס געזען מענדל עלקינד אין זײַן דמיון...

ביז דעם אומגליק מיט קרים האָט מען אויך נישט געגעסן קיין ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. די וואָס איז שפּעטער געוואָרן שירה גאָרשמאַן איז דעמאָלט געווען "שירקע" און געדאַרפט האָט מען אַוועקשטעלן נישט ווײַט פון ירידו שטיינערנע ווענט, אַז דאָס וואַסער זאָל נישט אַראָפּשווענקען דעם כּבֿיש.

ס'טרעפט אַז דאָס לעבן מאַכט פון דיר חוזק. די מטפּלת פון קינדערהיים – בית התּינוקות – לאה בריל האָט קיין מאָל נישט אַרײַנגעלאָזט אין בית־התּינוקות קיין העלפערס. ס'פלעגט טרעפן, אַז זי האָט פאַרטריבן פון דאָרט אויך טאַטעס פון קינדער און דערבײַ גאַנץ פילטײַטיק באַמערקט: "וואָס ביסטו אַרײַנגעקראָכן אַהער מיט דײַנע בלאָטיקע שטיוול? גאָט ווייסט צי דו ביסט דער טאַטע, צי נישט! איך בין געשטאַנען דערבײַ?"

ס'האָט אויך געטראָפן, ווען עלקינד איז נאָך נישט געווען פאַרכאַפּט מיט קרים, אַז לאה איז אַרײַנגעלאָפן צו אים מיט געשרייען: "עלקינד, דו ביסט דאָך דער בעל־הבית, זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן מיט די "רעבטע" קינדער? זיי לויפן אַרײַן, ווען די לינקע קינדער עסן וואַרעמעס, זיי ווײנען נישט און שרײַען נישט, אָבער זאָגן פּראָסט־און־פּשוט: "תּני לנו מהר לאכול כּי גם אנחנו רוצים לאכול!"...

סוף 1929 זענען שוין קיין לינקע גדודניקעס נישט געווען – עלקינד איז אַוועק מיט די "לינקע" אין קרים... און שירקע איז אַוועקגעפאָרן מיט דער לעצטער גרופּע, אין 1929, מיט אירע דרײַ קינדער און מיט נאָך 12 קינדער אַ צוגאָב. יצחק לאַנדאָבערג איז געקומען באַגלייטן די וואָס פאָרן אַוועק קיין קרים. אַלע זײַנען שוין געווען אויף דער שיף, און יצחק איז נאָך אַלץ געשטאַנען און

קומונה יהודית בקרים

"קומונה יהודית בקרים כולה!", לא פחות ולא יותר, כך ראה זאת מנדל אלקינד בדמיונו...

גם עד לאסון בקרים לא בדיוק אכלנו צימוקים ושקדים. מי שהפכה מאוחר יותר לשירה גורשמן הייתה אז "שירקֶה" וצריכה הייתה לבנות קירות אבן לא הרחק מיריחו כדי שהמים לא ישטפו את הכביש.

קורה לפעמים שהחיים חומדים להם לצון על חשבונך. המטפלת מבית התינוקות, לאה בריל, לא הכניסה עזרה אף־פעם. קרה שהיא סילקה משם אבות של ילדים באומרה: "מה הזדחלת לכאן במגפיך המכוסים בבוץ? אלוהים יודע אם אתה אכן האב! וכי הייתי נוכחת בשעת הלידה?"

קרה גם, כשאלקינד עדיין לא היה עסוק בקרים, שלאה נכנסה אליו בריצה וצעקה: "אלקינד, אתה הרי בעל הבית, תגיד לי מה עלי לעשות עם הילדים 'הימניים'? הם רצים פנימה כשהילדים 'השמאלנים' אוכלים. הם אינם בוכים ואינם צועקים, אבל אומרים בפשטות: 'תנו לנו לאכול, מהר, כי גם אנחנו רוצים לאכול!'..."

בסוף שנת 1929 כבר לא היו גדודניקים שמאלנים. אלקינד הלך לקרים עם השמאלנים. ושירקה נסעה עם הקבוצה האחרונה, ב־1929, עם שלושת ילדיה ועם עוד 12 ילדים כתוספת. יצחק לנדוברג בא ללוות את הנוסעים לקרים. כולם היו כבר על האונייה, ויצחק עדיין עמד והושיט את ידיו אל שירקה שהייתה על הסיפון

געשטערעקט זײַנע הענט צו שירקען אויף דער שיף מיטן נאָמען "קרים" און האָט זיך געבעטן: "פֿאָלג מיך, שירע, גיי אַראָפּ פֿון שיף! נעם די קינדער און קום מיט מיר! ס'וועט זיי גאָרנישט פֿעלן. הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן: דו וועסט נאָך זוכן די פֿרײַהייט אין אַ סטאַלינישער געפֿענגעניש..."

אין אָדעסער טאַמאָזשנע האָט שירקע שוין אַלץ פֿאַרשטאַנען... און אַזוי ווי אַלע מאָל, לויט איר נוסח, "וואָס געטראַכט, דאָס געזאָגט", האָט זי אויך איצט געפֿאָכעט צו עלקינדן מיט דער האַנט:

– עלקינד, ווען דו וואָלסט געווען בלינד נאָר פֿאַר זיך, וואָלט דאָס געווען נאָר דײַן פּערזענלעכער אומגליק. אָבער מיט מײַן גרופּע אין איינעם האָסטו געבראַכט צו שלעפּן מער ווי 100 מענטשן. וואָס האָסטו זיך געטראַכט? דו, "בעל־חלומות", ווי אַזוי האָסטו זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַזאַ זאַך? זאָלסט וויסן זײַן, אַז איך וועל דיך אַוועקהרגענען!

שירקע האָט זיך צונויפֿגערעדט מיט זאַקע גאָלדבלאַט, וועלכער איז געווען אַ נאַטשאַלניק אין פּאָרט. כּדי צו זײַן זיכער האָט ער געגעבן שירקען אַ שטיין און בײדע זענען אַוועק צו דער חורבֿה, וווּ עלקינד האָט געוווינט מיט זײַן משפּחה. זאַקע האָט אָנגעשטעלט זײַן ביקס, אָבער אין טיר האָט ער שוין נישט באַדאַרפֿט אָנקלאַפּן, ווײַל אין דער רגע איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב מײַע, עלקינדס פֿרוי, מיט אַ געוויין און אָפּכאַפּנדיק קוים דעם אָטעם, האָט זי כליפּענדיק דערציילט:

– די גע־פּע־אור־לײַט האָבן אים נאָר וואָס אַוועקגעפֿירט. זיי זענען געקומען פֿון סאַקי און אים פֿאַרנומען, נישט זאָגנדיק פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען...

גאָר גיך האָט מען צוגעשיקט אַ נײַעם פֿאָרזיצער פֿון סימפֿעראָפּאָל – שמעון דרוקער. דער נײַער פֿאָרזיצער איז געווען אַ "גרויסער מומחה". איך ווײס אים אין האַנט אַ ביסעלע גערשטן, מאַכט ער צו מיר: "דער ווייץ איז גאַנץ פֿײַן געראָטן..."

מען האָט געלאַכט און בערל טאַגער האָט באַמערקט: "אָך און וויי איז צו אײַער געלעבטער".

של האונייה "קרים" וביקש: "שמעי בקולי, שירה, רדי מן האונייה! קחי את הילדים ובואי איתי! לא יחסר להם דבר. הלוואי שאתבדה, אבל את עוד תתגעגעי לחופש כשתהיי בכלא הסטליניסטי...".

שירקה התפכחה מהר מאוד... וכמו תמיד, עשתה זאת בדרכה. "מה שחושבים – אומרים", והיא נופפה בידה לאלקינד:

"אלקינד, אילו היית עיוור רק לעצמך, היה זה האסון הפרטי שלך. אבל יחד עם הקבוצה שלי סחבת איתך יותר מ־100 אנשים. מה חשבת לעצמך? בעל חלומות שכמותך. איך שקלת לעשות דבר כזה? תדע לך שאני אהרוג אותך!"

שירקה נדברה עם זֶקָה גולדבלט, שהיה שומר לילה באורווה. ליתר ביטחון, הוא נתן לשירקה אבן ושניהם הלכו אל החורבה שבה התגורר אלקינד עם משפחתו. זקה דרך את הרובה שלו, אך כבר לא היה לו צורך לדפוק בדלת כי באותו רגע בדיוק מיהרה החוצה מניה, אשתו של אלקינד, בוכה ומתנשמת, וסיפרה ביפחות:

"אנשי ה־גֶ-פֶּ-אוּ לקחו אותו הרגע. הם הגיעו מסאקי ועצרו אותו, בלי לומר על מה ולמה...".

מהר מאוד נשלח יושב־ראש חדש מסימְפֶרוֹפּוֹל, שמעון דרוקר. היושב־ראש החדש היה "מומחה גדול". אני מראה לו ביד מעט שעורה והוא אומר לי: "החיטה נראית מוצלחת למדי...".

כולם צחקו, ובֶּרְל טָגֶר אמר: "אבוי לצחוק שלכם".

ס'איז באַוווּסט – אַז ס'הייבט אָן צו פֿאַלן מיט דער פּוטער אַראָפּ – איז אָך און ווײ צו אַלע גליקן... אַפֿילו איצטער, שוין אין קרים, האָבן מרימטשיק און נחמה בלושטיין גאַנץ אָפֿט געלאַכט... און געוווּנדערט זיך ווי מען איז געווען אין אַ פֿאַרבלענדעניש, ווען די לינקע גדודניקעס פֿלעגן פֿרעגן איינער בײַם אַנדערן: "עלקינד האָט דיך שוין אַרויסגערופֿן?" אַפֿילו איצט האָט יענקעלע רויז, דער בעל־עגלה פֿון אַ גרויסער מאַזשאָרע מיט צוויי אָקסן, געזאָגט צו מרימטשיקן: "מער האָסטו זיך גאָרנישט וואָס צו דערמאָנען? ב'וועל נישט גיין רעדן וועגן אונדזערע געשמאַקע מאכלים, אָבער נעמען מענטשן מיט קליינע קינדער פֿון אַ וואַרעם אָרט און זײ ברענגען אין אַ פּוסטן און קאַלטן סטעפּ! פֿאַר דעם דאַרף מען אים טאַקע אַוועקהרגענען..."

אָבער די אַרבעט האָט נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. דער "אָזעט" האָט געגעבן די ערשטע 12 קי און שירקע איז גאַנצע מעת־לעתן געווען אין שטאַל, און אַז זי פֿלעגט אויף אַ ווײַלע אַרײַנגיין אין קיך, פֿלעגט מען נישט אויפֿהערן לאַכן: האַ, וואָס זאָגסטו, שירקע, די קי זענען קעלביק?...

ס'איז געוואָרן וואַרעמער און ס'איז געקומען די צײַט צו אַרבעטן אין גאָרטן. אַז נחמקע פֿלעגט קומען אין גאָרטן נאָך אַ פּאָמידאָר, פֿלעגט חיהלע גרינשטיין אומבאַהאָלפֿן צו איר זאָגן: זאָג מיר, וואָס טראַכסטו זיך, דו קומסט נאָך אַ פּאָמידאָר? די קומענדיקע מענטשהייט וועט מיר נישט שענקען אַזאַ ביזבוז...

שכנא גאַליצין האָט געשלעפּט די קעסטלעך פּאָמידאָרן צו דער מאַזשאָרע מיט די אָקסן און האָט געהערט, וואָס חיהלע זאָגט וועגן דער קומענדיקער מענטשהייט, האָט ער זי באַרויִקט: "האָב קיין יסורים נישט, די קומענדיקע מענטשהייט וועט טראַכטן וועגן אונדז, ווי וועגן דעם פֿאַראַיאָריקן שניי... גיב בעסער אַ פּאָמידאָר נחמקען און פֿאַרגעס מיך אויך נישט. גיב בעסער אַ טראַכט, ווי אַזוי עלקינד איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן? ווי אין וואַסער אַרײַן..."

ביזן הײַנטיקן טאָג ווייסט מען נישט ווּ עלקינד איז אַהינגעקומען, גלײַך ווי מען ווייסט נישט פֿון אַ סך אַנדערע...

דבר ידוע הוא שפרוסה נופלת תמיד כך שהחמאה פונה כלפי מטה. אז אבוי לכל השמחות... אפילו עכשיו, בקרים, היו מִרְיָמְטְשִׁיק ונחמה בלושטיין צוחקות לעתים קרובות... הרי השתוממנו כיצד כולם מסונוורים, כשהגדודניקים השמאלנים נהגו לשאול זה את זה: "האם אלקינד כבר קרא לך?" אפילו עכשיו היה יַנְקֶלֶה רוֹיז, העגלון עם שני השוורים, אומר למרימיטשיק: "אין לך עוד במה להיזכר? לא אדבר על המאכלים הטעימים שלנו, אבל לָקַחַת אנשים עם ילדים קטנים ממקום חמים ולהביא אותם לערבה קרה ושוממה! על כך חייבים באמת להרוג אותו...".

גם העבודה שחקה. החברים קיבלו את 12 הפרות הראשונות ושירקה הייתה מבלה ימים שלמים ברפת. וכשהיא הייתה נכנסת לרגע למטבח, לא חדלו החברים מלצחוק: "הא, מה את אומרת, שירקה, הפרות מעוברות או לא?"

מזג־האוויר התחמם והגיע הזמן לעבוד בגינה. כשנחמקה הייתה באה לגינה לבקש עגבניה, חיל'ה גרינשטיין הייתה אומרת לה: "תגידי לי, מה את חושבת לעצמך, את באה בשביל עגבניה? האנושות העתידית לא תסלח לי על בזבוז כזה...".

שכנה גליצין סחב את ארגזי העגבניות אל העגלה עם השוורים ושמע את דבריה של חיל'ה בעניין האנושות העתידית, והרגיע אותה: "אל תתייסרי, האנושות הבאה תחשוב עלינו כמו על השלג דאשתקד... מוטב שתתני עגבניה לנחמקה ואל תשכחי גם אותי. טוב תעשי אם תחשבי כיצד נעלם אלקינד. הוא כמו שקע במצולות...".

עד היום אין יודעים מה עלה בגורלו של אלקינד, כפי שאין יודעים מה עלה בגורלם של רבים אחרים...

כ׳וואָלט נאָך אַ סך געקאָנט דערציילן וועגן דער האָרעוואַניע, וואָס איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין דער קאָמונע, וואָס עלקינד האָט געגרינדעט און האָט זי אַ נאָמען געגעבן ״וויִאַ נאָוואַ״. פֿון דער קאָמונע איז שוין פֿון לאַנג געוואָרן אַ קאָלכאָז. קיין זאַך איז נישט אייביק... בלויז איינציקע פֿון יענער קאָמונע זענען לעבן געבליבן. דער גואל גופֿא האָט באַשטימט זיי איבערצולאָזן ווי עדות...

עוד רבות יכולתי לספר על אודות העמל שהושקע בקומונה שאלקינד יסד וקרא לה "וִיָה נוֹבָה"... הקומונה הפכה מזמן לקולחוז. דבר אינו נצחי... רק סיפורים מאותה קומונה נותרו בחיים. הגואל בעצמו החליט להשאירם בעדות...

נחמה שמועסט

נחמהן האָט מען איך "גדוד" גערופֿן די "בלויע אויגן". אַז מ'האָט געזאָגט בלויע אויגן האָבן אַלע געוווּסט וועמען מען מיינט. קאָמונקע האָט געזאָגט:

"נחמה האָט נעבעך אַ פּוס נר' 39, דאַרף מען איר קויפֿן מאַנצבילשע שיך". אַז מען האָט באַדאַרפֿט איבערשמועסן מיט די נײַע איבערוואַנדערערס האָט קאָמונקע געגעבן די ריכטיקע עצה: די "בלויע אויגן" וועלן זיך איבערשמועסן מיט די נײַע איבער־וואַנדערערס און ס'וועט זײַן בסדר. אין קרים זענען ניט געוועזן קיין סך נײַע איבערוואַנדערערס, עטלעכע בחורות זענען אַרײַנגעגאַנגען אין קיך. נחמה האָט זיי פֿרײַנדלעך באַגעגנט. די פּרימוסן האָבן געזשומעט, פֿון טשײַניק האָט געזעצט אַ פּאַרע. נחמה האָט אָנגעהויבן:

– וואָס שטייט איר אַזוי ווי געסט, זעצט זיך. אַז איר וועט אַרײַנגיין אין שטאַל צו שירקען, וועט איר זיך ניט שרעקן פֿאַר די קי? איר שווייגט, פֿאַרשטיי איך אַז איר וועט זיך נישט שרעקן, אָבער צי פֿאַרשטייט איר אַז איר דאַרפֿט ניט נאָר מעלקן די קי, איר דאַרפֿט זיי אויך ליב האָבן... איר זײַט מחויבֿ אַכטונג צו געבן אַז די קי זאָלן זײַן זאַט, אויב ניט וועלן זיי האָבן ליידיקע אײַטערס... איך וועל זיך דורכרעדן מיט שירקען, אַז זי זאָל אײַך נעמען אין איר בריגאַדע, דער עיקר איז, איר זאָלט אײַך ניט שרעקן פֿאַר קיין אַרבעט.

איך וועל אײַך איצטער דערציילן דאָס וואָס האָט פּאַסירט אין אַ פֿעסטונג, בעת די רוימער, ניט געדאַכט זאָל ווערן זייער נאָמען, זענען אָנגעפֿאַלן אויפֿן ייִדישן לאַנד יהודה. איר זאָלט געדענקען אַז איצט האָבן מיר ניט קיין מלוכה, דעמאָלט האָבן די רוימער געמאַכט פֿון אַלץ אַש און פֿײַער, די שלאַכטלײַט פֿון דער פֿעסטונג האָבן געזען אַז ס'האַלט שלעכט, האָבן זיי אַוועקגעשיקט עטלעכע מענטשן זיי זאָלן ברענגען די ווײַבער און קינדער אין דער פֿעסטונג, און אַז די ווײַבער און קינדער זענען געקומען האָט מען צווישן זיך

נחמה משוחחת

לנחמה קראו בגדוד "עיניים כחולות". כשאמרו "עיניים כחולות" ידעו כולם למי הכוונה.

קוֹמוּנְקָה אמר:

"לנחמה, מסכנה, יש כף־רגל מספר 39, לכן יש צורך לקנות לה נעלי גברים."

כשצריך היה לשוחח עם המהגרים החדשים, נתן קומונקה עצה נכונה:

"'עיניים כחולות' תשוחח עם המהגרים החדשים והכול יהיה בסדר."

בקרים לא היו הרבה מהגרים. כמה בחורות שנכנסו למטבח. נחמה פגשה אותן באורח ידידותי. הפרימוסים זמזמו, ומן הקומקום היתמרו אדים. נחמה פתחה בדברים:

"מה אתן עומדות כך כמו אורחות? שבו. אתן תיכנסנה לרפת אל שירקה, האם לא תפחדנה מן הפרות? אתן שותקות, אז אני מבינה מכך שאתן לא תפחדנה, אך האם אתן מבינות שלא רק לחלוב את הפרות אתן חייבות, אלא גם לאהוב אותן...? אתן צריכות להשגיח שהפרות תהיינה שבעות, שאם לא כן העטינים שלהן יהיו ריקים... אני אשוחח עם שירקה, שתכניס אתכן לבריגדה שלה, העיקר שלא תפחדנה מעבודה."

"אספר לכם עכשיו מה שאירע במצודה אחת בשעה שהרומאים, יימח שמם לעד, התנפלו על ארץ יהודה. אתן יודעות בוודאי שאין לנו ארץ כעת. באותם ימים זרעו הרומאים חורבן והרס בכל מקום, והותירו עפר ואפר. הלוחמים במצודה הבינו שמצבם בכי־רע, לכן הם שלחו מספר אנשים שיביאו את הנשים והילדים למצודה. וכשהנשים והילדים הגיעו הם החליטו ביניהם: 'אתה תהרוג את

אָפּגערעדט: דו וועסט אומברענגען מײַנע, איך וועל אומברענגען דײַנע, און דערנאָך וועלן מיר מאַכן אַ סוף איינער דעם אַנדערן. אַזוי איז טאַקע געווען, בעת די רוימער האָבן אײַנגענומען די פֿעסטונג האָבן זיי געפֿונען נאָר טויטע. איר זײַט נעבעך נײַע און איר ווייסט ניט פֿון "אָרור המן ביז ברוך מרדכי"... מײַנע ווערטער קלינגען פֿאַר אײַך ווילד פֿרעמד, נאָר אויב איר ווילט האָבן אַן עסק מיט ערד, מעלקן קי, האָדעווען קעלבער, שערן וואָל פֿון די שאָף, זאָלט איר זיך גוט מישבֿ זײַן און ווי ס׳געהער צו זײַן פֿאַרשטיין וואָס איך האָב אײַך דערציילט. איך וועל זאָגן עטלעכע ווערטער קאָמונקען, איר וועט זיצן מיט אים אַלע טאָג ניט מער ווי אַ שעה, און ס׳וועט אײַך קלאָר ווערן אַז איך האָב קיין נאַרישקייטן נישט גערעדט. גייט און עסט עפּעס אָפּ, און צעקײַט דאָס וואָס איר האָט געהערט.

שלי, ואני אהרוג את שלך, ולאחר מכן נמית זה את זה'. וכך באמת היה. כשהרומאים כבשו את המצודה הם מצאו בה רק אנשים מתים. אתן, 'נֶבֶּך', חדשות ואינכן מבדילות בין 'ארור המן' ובין 'ברוך מרדכי'... המלים שלי מצלצלות לכן זרות ומוזרות, אך אם אתן רוצות קשר עם האדמה, לחלוב פרות, לגדל עגלים, לגזוז צמר מן הכבשים, מוטב שתשקלו היטב, ותבינו את כל מה שסיפרתי לכן. אני אומר לקומונקה כמה מלים, אתן תשבנה איתו בכל יום לא יותר משעה, ויתברר לכן שלא דיברתי דברי הבל. לכו לאכול משהו, ותלעסנה היטב את כל מה ששמעתן."

מענדל עלקינד

אַ שטילער פֿאַרשוין פֿון מיטעלן וווּקס, זײַנע טונקעלע אויגן קוקן אין זיך, זעלטן אויף דעם מיט וועמען ער רעדט. די געדיכטע געקרײַזלטע האָר זענען אַלע מאָל צעשויבערט, קיין קאָם נעמט זיי נישט. ער שווײַגט מער ווי ער רעדט. זײַן אָנטאָן נעמט ער, ווי אַלע גדודניקעס, אין מחסן. זײַנע שיך זענען "גוט" אָפּגעטראָגן. ער איז דער יושבֿ־ראָש פֿון דער פּלוגה אין ירושלים. אויף די פֿאַרזאַמלונגען רעדט ער אויך קנאַפּ. נאָר בעת דער גדוד האָט זיך צעטיילט אויף לינקע און אויף רעכטע, האָט ער גערעדט מער. ווי אַזוי האָט זיך צו אים גענומען דער געדאַנק פֿון אַריבערפֿירן די לינקע גדודניקעס קיין רוסלאַנד אין קרים און דאָרטן אויפֿשטעלן די אַלגעמיינע ייִדישע קאָמונע? און נישט ווינציקער ווי אויף גאַנץ קרים? – ווער ווייסט!

אַ פּנים, אַז דאָס איז געווען דער גרויסער צו־להכעיס בן־גוריונען. פֿאַרשטייט זיך, אַז עלקינד האָט קיינעם בײַ די האָר נישט געשלעפּט. ער האָט נאָר מיט זײַן שטיל דורכדרינגלעך קול געזאָגט: "אין רוסלאַנד זענען אַלע שוועסטער און ברידער. לערנען די קינדער קאָסט קיין פּרוטה נישט. כ'האָב זיך שוין פֿאַרבונדן מיטן "אָזעט" און "קאָמזעט".

אין 1926 איז אַוועקגעפֿאָרן די ערשטע גרופּע מיט די סאַמע בעסטע אַרבעטערס: גוטמאַן, דער בריגאַדיר פֿון פֿעלדאַרבעט, אַ זשוואַווער בחור, וואָס איז קיין מאָל נישט געגאַנגען, אַלע מאָל געלאָפֿן; דער קורצזיכטיקער, שוואַרץ־חנעוודיקער יוסף טאַגער, וואָס האָט געזען דורך זײַנע דיקע ברילן בעסער פֿון אַלע ווײַטזעענדיקע; אפֿרתי אַשדאָרף, וואָס איז געווען אין תּל־יוסף דער שאָף־פּאַסטעך. ווען ער האָט געהערט, אַז מע פֿאָרט פֿון ירושלים קיין קרים מאַכן אַ ייִדישע קאָמונע, האָט ער אויך געוואָלט האָבן אַ חלק דערין. מיידלעך האָבן אויך נישט געפֿעלט. אַזאַ מיידל ווי הענקע יעזשעווסקי מיט אַ סנאָפּ האָר אויפֿן קאָפּ, מיט אַן

מנדל אֶלקינד

ברנש שקט שגובהו ממוצע, עיניו הכהות מתבוננות פנימה, לעתים רחוקות הן מביטות בבן־שיחו של הברנש. שיערו הסמיך והמטולטל פרוע תמיד. מסרק אינו יכול לו. שותק יותר משהוא מדבר. את בגדיו הוא לוקח במחסן כמו כל הגדודניקים. נעליו שחוקות כהוגן. הוא יושב־הראש של הפלוגה בירושלים. באסיפות הוא כמעט ואינו מדבר. אך כשהגדוד התפצל לשמאלנים ולימנים, הוא דיבר יותר. כיצד נולד אצלו הרעיון להעביר את הגדודניקים השמאלנים לקרים שברוסיה, ולהקים שם קומונה יהודית כללית? ולא פחות מאשר על פני קרים כולה? מי יודע!

יתכן שהיה זה כדי להכעיס את בן־גוריון. מובן מאליו שאלקינד לא גרר איש בשערותיו. הוא רק אמר בקולו השקט והעמוק: ״ברוסיה כולם אחים ואחיות. הלימודים אינם עולים פרוטה. כבר יצרתי קשר עם 'אוֹזֶט' ועם 'קוֹמְזֶט'.״*

בשנת 1926 נסעה הקבוצה הראשונה עם העובדים הטובים ביותר: גוטמן, המפקד של עבודת האדמה, בחור זריז שאף פעם לא הלך אלא רץ, תמיד רץ; יוסף טגר, שהיה קצר־רואי, השחרחר והחינני, אשר מבעד למשקפיו העבים ראה טוב יותר מכל רחוקי־הראייה; אפרתי אשדורף, שהיה הרועה בתל־יוסף. כשהוא שמע שנוסעים לקרים להקים קומונה יהודית, ביקש אף הוא לקחת חלק ביוזמה. גם בנות לא חסרו. כמו הֶנְקָה יֶז'בְסְקִי עם אלומת השיער

* חברות שעסקו בסיוע למהגרים חדשים, במתן חלקות אדמה, בהמות וציוד.

אויסגעטאָקטן גוף, וואָס קיין שום בגד האָט נישט געקענט פֿאַרשטעלן! נאָר ווי קען מען דאָ אויסרעבענען אַלעמען? ווען עלקינד וואָלט געלעבט, וואָלט מען אים געדאַרפֿט קעפּן! נעמען מענטשן פֿון אַ וואַרעמען אָרט, ווו מען דאַרף נישט קיין וואַרעמע זאַכן, קיין וואָליקעס, קיין פּעלצלעך און זיי שיקן ווינטער קיין אויסלאַנד מיט קליינע קינדער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין פּאַלעסטינע! שוין אויף דער שיף האָבן די קינדער געשריִען: "אַנחנו רוצים הביתה" – מיר ווילן אַהיים!

סוף 1929 בין איך, מיט אַ גרופּע פֿון 12 דערוואַקסענע און 10 קינדער, אָנגעקומען קיין אָדעס. אַרויסגיין אין גאַס איז געווען זייער פֿײַנלעך. ס'איז געווען אַ קאַלטער ווינטער. אַלע האָבן געהאַט נאָר סוועטערס און סאַנדאַלן. אין גאַס פֿלעגן אונדז אָפּשטעלן פֿאַרבײַגייערס, טאַפּן מיט התפּעלות די ענגלישע סוועטערס. די סאַנדאַלן אויף די גראָבע זוילן האָבן אויך צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אַדעסער אײַנוווינערס. אין טאָמאָזשנע האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען ווי אַ טאָמאָזשניק האָט געהאַלטן אַ פֿיש אין האַנט און געהאַקט מיט אים אין ברעג טיש. איך האָב דאָס קיין מאָל נישט געזען. דערבײַ איז געשטאַנען מאָטקע רובינשטיין, האָב איך אים געפֿרעגט: "פֿאַר וואָס האַקט ער מיטן פֿיש אין טיש און שרײַט "מאַט"? מאָטקע האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס מיטגעפֿיל און קורץ געזאָגט: "גיי אַוועק פֿון דאַנען! דאָס איז אַ וואָבלע, אַן אויסגעטריקנטער פֿיש, און 'מאַט' קאָן איך דיר נישט פֿאַרטײַטשן".

פֿון אַדעס זענען מיר געפֿאָרן קיין עווּפּאַטאָריע. די קינדער האָבן נישט אויפֿגעהערט צו שרײַען: "אנחנו רוצים הביתה!" מען האָט זיי ווי נישט איז אויסגעלייגט שלאָפֿן. אין דער פֿרי האָט מען זיי געגעבן וואַרעם וואַסער, שוואַרץ ברויט. זיי האָבן געגעסן און געשריִען: "אַנחנו רוצים בננות!" – מיר ווילן באַנאַנעס! אָבער אַ סך שרײַען האָבן זיי שוין קיין כּוח נישט געהאַט. מע האָט זיי אָנגעטאָן אין וואַטניקעס, וואָס עלקינד האָט צוגעגרייט פֿאַר זיי. מע האָט זיי אַלע אַרײַנגעזעצט אין אַ גרויסער מאַזשאָרע, נאָר דאָרטן איז געווען אוממעגלעך צו זיצן, ווײַל די קינדער האָבן געדאַרפֿט זיצן אויף זעק

שעל ראשה, גופה מחוטב כך ששום בגד לא יכול היה להסתירו! אך כיצד אפשר למנות את כולם? אם אלקינד היה חי היה צריך לערוף את ראשו! לקחת אנשים ממקום חם, שבו אין צורך בבגדים חמים, במגפי לבד או בפרוות, ולשלוח אותם בחורף לחוץ־לארץ, עם ילדים קטנים שנולדו בפלשתינה! כבר על האוניה הילדים צעקו "אנחנו רוצים הביתה!"

בסוף 1929 הגעתי לאודסה עם קבוצה של 12 מבוגרים ועשרה ילדים. היה קשה לצאת לרחוב. החורף היה בעיצומו. לכולנו היו רק סוודרים וסנדלים. ברחוב היו עוברים ושבים עוצרים אותנו וממששים בהתפעלות את הסוודרים האנגליים שלנו. גם הסנדלים עבי הסוליות משכו את תשומת־לבם של תושבי אודסה. ברחוב טומוז'נה הייתה לי הזדמנות לראות כיצד איש אחד החזיק דג בידו הכה בו על השולחן. מעולם לא ראיתי דבר כזה. שאלתי את מוטקה רובינשטיין שעמד שם: "מדוע הוא מכה עם הדג בשולחן וצועק 'מאט'?" מוטקה התבונן בי ברחמים ואמר לי בקיצור: "לכי מכאן! זהו דג מיובש, ואת המלה 'מאט' איני יכול להסביר לך."

מאודסה נסענו לאֶבְפָּטוֹרְיָה. הילדים לא חדלו מלצעוק: "אנחנו רוצים הביתה!" איך שהוא, השכבנו אותם לישון. בבוקר נתנו להם מים חמים ולחם שחור. הם אכלו וצעקו: "אנחנו רוצים בננות!" אך לצעוק זמן רב לא היה להם כוח. הם הולבשו בבגדים מרופדים בצמר־גפן, שאלקינד הכין עבורם. הושיבו את כולם בתוך עגלה גדולה, אך היה קשה לשבת כיוון שהילדים נאלצו לשבת על שקים

מיט מאַקובע־טאָוולען. די דערוואַקסענע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף נאָך צוויי פֿורן. אין אַלע פֿורן זענען געווען געשפּאַנט אָקסן. אָקסן גייען פּאַוואָליע, מיט געמאָסטענע טריט. פֿון עווּפּאַטאָריע זענען מיר אַרויסגעפֿאָרן גאַנץ פֿרי צום חלק נומער 13, צווישן סאַקי און עווּפּאַטאָריע. מיר זענען אָנגעקומען שפּעט בײַ נאַכט. די קינדער האָבן שוין נישט געוויינט און נישט געשריגן. די געקומענע מיט דער ערשטער גרופּע – טאַגער, הענקע יעזשעוווסקי, עתּליה האָבן אַרײַנגעטראָגן די קינדער אין שטוב אַרײַן. אין דער פֿינצטער האָב איך גאָרנישט געזען, אָבער אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָב איך שוין דערזען די צרה: אַן אומענדלעך שנייפֿעלד, דרײַ צעפֿלאָכטענע כאַלופּעס, איין ביימל און אַ גרויסע שטוב, וווּ אויפֿן דאַך האָט די גאַנצע צײַט געטראַסקעט דאָס אָפּגעריסענע בלעך. אין דער אָ שטוב האָט מען אַרײַנגעטראָגן די קינדער. די שטוב איז געוואָרן דער אָנהאַלט פֿון אַלצדינג אין איינעם. דאָ איז געווען די קינדערהיים, איין צימער – אַן איזאָלאַטאָר פֿאַר די, וואָס האָבן זיך צוגעקילט, אַ חדר־אוכל, וווּ ס׳איז שטענדיק געווען אָנגעשאַטן מאַכאָרקע אויפֿן טיש. טאָטערס פֿון דעם דערבײַיִקן דערפֿל קאַראַהורט פֿלעגן אָפּט ״פֿאַרזוכן״ די רייכערן, פּאַטשן מיט דער רעכטער דלאָניע אויף דער לינקער און פֿאַרזאָגן:

– דאָ, אויף דער האַנטפֿלאַך, קען וואַקסן גראָז? – אַזוי וועט וואַקסן בײַ אײַך אויף די פֿעלדער.

ס׳איז געווען אויך אַ קיך אין דעם גרויסן הויז. אין קיך זענען געווען אַ סך ״ביוראָען״. מיט עטלעכע ברעטער און אַ שטיקל ברעזענט האָט טאַגער אויסגעמײַסטרעוועט אַ מקלחת און ס׳האָט נישט איין מאָל געטראָפֿן, אַז אפֿרתי האָט אַ ביסעלע פֿאַרבויגן דעם פֿאָרהאַנג, אַרײַנגעקוקט און זיך געוווּנדערט: ״שירקע, דאָס ביסטו? כ׳האָב דיך גאָרנישט דערקענט!״ – ״לך לעזאזל!״ – האָט שירקע געשריִען און אַלע האָבן געלאַכט מיט פֿאַרגעניגן. ס׳איז אויך געווען אַ ווינקל, וואָס האָט געהייסן ״די קינדערקיך״. דאָרטן האָט געאַרבעט נחמה, איינע פֿון די בעסטע אַרבעטערס אין גדוד, וואָס איז געקומען מיט דער צווייטער גרופּע. דאָרטן זענען געשטאַנען צוויי פּרימוסן, אויף זיי האָט זיך אַלע מאָל עפּעס געקאָכט. אויף

שהכילו לוחות קשיחים. המבוגרים התיישבו בשתי עגלות נוספות. לכל העגלות היו רתומים שוורים. ושוורים פוסעים לאט, בצעדים מדודים. מאבפטוריה יצאנו השכם בבוקר בדרכנו לחלקה 13, בין סאקי לאבפטוריה. הגענו מאוחר בלילה. הילדים כבר לא בכו ולא צעקו. חברי הקבוצה הראשונה – טגר, הנקה יז'בסקי ועתליה – הכניסו את הילדים לתוך הבית. לא ראיתי דבר בחושך, אך למחרת בבוקר כבר ראיתי את הצרה: שדה שלג אינסופי, שלוש בקתות קלועות, עץ אחד ובית גדול, שעל גגו הלם ללא הרף הפח הקרוע. אל הבית הזה הוכנסו הילדים. הבית הפך להיות מרכז לכל דבר.

כאן היה בית הילדים. חדר אחד שימש כבידוד עבור אלה שהתקררו, חדר־אוכל שבו ניצב שולחן שעליו היה תמיד מפוזר טבק. טטרים מן הכפר הסמוך, קָרָהוֹרְט, היו באים לעתים קרובות לטעום את הטבק, לעשן, להכות בכף ידם הימנית על השמאלית ולומר:

"כאן, על כף היד, יכול לצמוח עשב? כך יצמח לכם משהו בשדות."

בבית הגדול היה גם מטבח. ובמטבח היו הרבה "משרדים". בעזרת כמה קשרים וחתיכת ברזנט הקים טגר מקלחת. ולא פעם קרה שאפרתי קיפל מעט את הווילון, הביט פנימה והשתומם: "שירקה, זו את? בכלל לא הכרתי אותך!"

"לך לעזאזל!", צעקה שירקה וכולם צחקו בהנאה.

הייתה גם פינה שנקראה "מטבח הילדים". עבדה שם נחמה, אחת העובדות הטובות ביותר בגדוד, שהגיעה עם הקבוצה השנייה. עמדו שם שני פרימוסים, ועליהם תמיד התבשל משהו. על המדף ניצבה

דער פּאָליצע איז געשטאַנען אַ סלוי געלע זאַמדצוקער און נאָך אַ סלוי מיט אמתן רײַז. אַהין פֿלעגן די קאָמונאַרן אַרײַנקומען און נחמה האָט נישט איין מאָל געזאָגט: "אַל תּביטו! "אַל תּביטו!" (קוקט נישט!) אָבער דאָס האָט ווינציק געהאָלפֿן. גוטמאַן פֿלעגט זיך באַלעקן און זאָגן:

– אַלץ אין דער וועלט פֿאַר די קינדער!

אין יענער צײַט האָט עלקינד גערעדט זייער ווייניק. אַ סך ווייניקער ווי אין ירושלימער גדוד. דער "אָזעט" האָט צוגעשיקט די ערשטע 13 קי.

– ברויט וועט איצטער באַקן טאַגער, און דו, שירע, וועסט אַרבעטן אין קושטאַל.

אין קושטאַל איז געווען טרויעריק. דער ווינטער איז געווען אַ קאַלטער, גאָר נישט אַזוי ווי אין קרים. די אויפֿזעערין האָט גענעבטיקט אין שטאַל, עס זאָל נישט צוגעפֿרוירן ווערן צו די קי דאָס, וואָס זיי דאַרפֿן שוין נישט. אָבער זי, די באַלעבאָסטע פֿון די 13 קי, האָט געשלעפּט פֿאַר זיי, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט – אַ ביסל מאַקוכע, אַ ביסל האָבערנע מעל, אַ הויפֿן קלײַען. געשלעפּט פֿון קיך וואַרעמע וואַסער, און בעת דרײַ קי האָבן זיך אין פֿרילינג אָפּגעקעלבט, זענען אַלע לינקע גדודניקעס געווען קוואַטערס.

★ ★ ★

ס'איז נישט צו באַגרײַפֿן, וואָס אַחוץ קאָמונקען זענען אַלע געווען געזונט. אין יוני 1930, בײַ נאַכט, האָט מען אַוועקגעפֿירט עלקינדן, – און ביז הײַנטיקן טאָג... ווען מענדל עלקינד וואָלט געלעבט, וואָלט מען אים געדאַרפֿט מישפּטן, ווײַל די מערהייט קאָמונאַרן זענען אומגעקומען אין די סטאַלין־לאַגערן. יאַקוב הויז און פּסח גאָלדבערג, וועלכע זענען צוריקגעקומען פֿון הינטער וואָרקוטאַ, האָבן דערציילט, אַז אַפֿילו די אורקעס זענען געגאַנגען צו די קאָמונאַרן ווי צו הייליקע און נישט זעלטן זיי געבראַכט שטיקלעך ברויט.

צנצנת מלאה סוכר ועוד צנצנת ובה אורז אמיתי. לשם היו הקומונרים נכנסים, ונחמה הייתה אומרת להם לא פעם: ״אל תסתכלו, אל תסתכלו!״, אולם זה עזר מעט מאוד. גוטמן היה מלקק את שפתיו ואומר:

״כל מה שיש בעולם הוא עבור הילדים!״

באותה תקופה אלקינד דיבר מעט מאוד. עוד הרבה פחות ממה שהוא דיבר בגדוד הירושלמי. ארגון ״אוזט״ שלח את 13 הפרות הראשונות.

״טגר יאפה עכשיו את הלחם, ואת, שירקה, תעבדי ברפת.״

עצוב היה ברפת. החורף היה קר, לחלוטין לא כמו חורף רגיל בקרים. המשגיחה לנה ברפת, כדי להשגיח שהפסולת לא תקפא אל רגלי הפרות. בעלת הבית של 13 הפרות נהגה להביא להן כל מה שאפשר היה להביא: מעט קמח שיבולת־שועל, חופן קמח חיטה. היא סחבה מים חמים מן המטבח, ובאביב, כששלוש מהפרות המליטו, כל הגדודניקים השמאלנים היו סנדקים.

* * *

הדבר בלתי־נתפש, אבל חוץ מקומונקה כולם היו בריאים. ביוני 1930, בלילה, לקחו את אלקינד. ועד היום הזה... אם מנדל אלקינד היה חי, היו צריכים להעמידו לדין, כי רוב הקומונרים אבדו במחנות של סטלין. יעקב הויז ופסח גולדברג, ששבו מווֹרְקוּטָה, סיפרו שאפילו הסוהרים התייחסו אל הקומונרים כמו אל קדושים, ולא פעם הביאו להם חתיכות של לחם.

קאָמונקע

ער האָט זיך געלאָזט איַינרעדן און איז פֿאַרשלעפּט געוואָרן דורך עלקינדן קיין קרים.

אין פּאַלעסטינע איז ער געווען איינער פֿון די בעסטע שטיינ־האַקערס. אין קרים האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט אַנדערע מלאָכות. אין די פּוסטע סטעפּעס האָבן געהוליעט בייזע ווינטן און ווען זיי האָבן געשמיסן אין פּנים איז שווער געווען צו אָטעמען. דערוויַילע האָט מען געדאַרפֿט פֿאָרן קיין עוופּאַטאָריע ברענגען ברויט פֿאַר די מענטשן. אַ ביסל האָבער פֿאַר די שאָף, אַ ביסל קאָרן און קליַיען פֿאַר די עטלעכע קי, וואָס דער "אָזעט" האָט געגעבן דער קאָמונע.

די עטלעכע בעל־עגלות, וואָס פֿלעגן פֿאָרן מיט די אָקסן קיין עוופּאַטאָריע, פֿלעגן קומען צוריק קוים לעבעדיק, מ'איז נישט געווען צו זאַט... אַז זיי פֿלעגן קומען אין דער קאָמונע, האָבן שוין אַנדערע קאָמונאַרן אויסגעשפּאַנט די אָקסן, וויַיל די געקומענע זיַינען געווען אַזוי הונגעריק און אויסגעפֿרוירן, אַז זיי זיַינען גליַיך איַינגעשלאָפֿן. מע האָט איבער זיי געקאָנט שפּאַנען, ווי איבער אַ בריק.

אין איינעם אַזאַ פֿאָרן קיין עוופּאַטאָריע איז קאָמונקע שטעקן געבליבן אונטער אַ רעגן אין סטעפּ. ער האָט זיך פֿאַרקילט און אָנגעהויבן הוסטן. ענקע פֿון קינדערהיים פֿלעגט אים ברענגען אַ ביסעלע פֿליישיקע יויך, אַ שטיקל פֿלייש, נאָר דאָס האָט ווייניק געהאָלפֿן. ער האָט געהוסט און געהוסט ביז ער האָט אויפֿגעהערט...

אין יענעם טאָג האָט אפֿרתי געקלונגען אין איַיזערנעם גאָנג, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטרויף. דער חדר־אוכל איז פֿול געוואָרן מיט קאָמונאַרן, עלקינד איז אַריַינגעקומען און צוגעגאַנגען צום אָרט, ווו עס איז געלעגן קאָמונקע, אויפֿגעדעקט אַ ביסל זיַין פּנים און געזאָגט:

– קוקט אים גוט אָן און פֿאַרגעדענקט, קאָמונקע איז געווען אַ מענטש פֿון וויַיטן, וויַיטן עתיד...

קומונקה

הוא נתן לעצמו להשתכנע ונגרר עם אלקינד לקרים.

בפלשתינה הוא היה אחד החוצבים הטובים ביותר. בקרים הוא עסק בעבודות אחרות. בערבות השוממות השתוללו רוחות זועפות, וכשהן הצליפו בפָּנים היה קשה לנשום. בינתיים, צריך היה לנסוע לאבפטוריה כדי להביא לחם עבור האנשים, מעט שיבולת שועל לצאן, מעט שעורה וחיטה לפרות ש״אוזט״ נתן לקומונה.

החברים שהיו נוסעים לאבפטרויה עם עגלות הקמח שהיו רתומות לשוורים היו שבים אך בקושי, מורעבים ותשושים. כשהם היו חוזרים לקומונה, חברים אחרים היו מתירים את השוורים כי אלו חזרו כה רעבים וקפואים שהם היו נשכבים מיד ונרדמים בו במקום. יכולת להלך עליהם כמו על גשר בלי שהם יחושו דבר.

באחת הנסיעות האלה לאבפטוריה, נותר קומונקה תקוע בגשם בלב הערבה. הוא הצטנן והחל להשתעל.

אֶנְקָה מבית הילדים הייתה מביאה לו מעט מרק בשר ונתח קטן של בשר, אך זה עזר מעט מאוד. הוא השתעל והשתעל, עד שהפסיק...

באותו יום צלצל אפרתי בגונג הברזל שהיה תלוי על העמוד. חדר האוכל התמלא קומונרים. אלקינד נכנס וניגש אל המקום שבו שכב קומונקה. הוא חשף מעט את פניו ואמר:

״התבוננו בו היטב וזִכרו, קומונקה היה אדם מן העתיד הרחוק, הרחוק...״.

מוניע

מוניע איז געווען דער שענסטער בחור אין דער פּלוגה. זײַן הויכער וווּקס, די געדיכטע ברוינע טשופּרינע, זײַן גאַנץ געשטעל און געשטאַלט האָט גערופֿן: "קוק אויף מיר!" אַלע בחורות האָבן טאַקע געקוקט אויף אים, טייל באַהאַלטענערהייט, און טייל גאַנץ אָפֿן. אָבער דערווײַל האָט מער פֿון אַלעמען אויף אים געקוקט רוכקע יערזשעצקי און זי האָט עס נישט געהאַלטן "בסוד". זי פֿלעגט גאַנץ הויך און אָפֿן זאָגן אין חדר־האוכל:

– עלקינד האָט אונדז געטאָן זייער אַ גרויסע טובֿה – נישט קיין פּרדסים און נישט קיין ווײַנגערטנער, נאָר פּוסטע פֿעלדער־סטעפּעס. נאָר ווען דו גייסט מיט אַ גדודניק אַפֿילו אין פּוסטן פֿעלד, איז דאָס אַ גאַנץ אַנדערע זאַך.

מען האָט לייבקען געגעבן אַ צונאָמען "טשאַרלי", ווײַל ער איז געווען ענלעך צו טשאַרלי טשאַפּלין. און טאַקע דער לייבקע טשאַפּלין האָט געזאָגט אין חדר־האוכל: "וואָס דרייט מוניע אַ קאָפּ רוכקען? איך האָב מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי מוניע האָט אויף זײַנע אַטלעטישע הענט געטראָגן רוכקעס שוועסטער העניע און פֿון דעם קאָן מען דאָך אַרויסדרינגען, אַז העניע געפֿעלט אים אויך..."

די צײַט איז זיך דערווײַל געגאַנגען און געלאָפֿן און עס איז געקומען דער טאָג, אַז מען האָט רוכקען מיט איר שוועסטער העניען אַוועקגעפֿירט אין דעם קימפּעטאָרינס־שפּיטאָל אין סאַקי. דאָרט זענען זיי אָבער נישט לאַנג געלעגן. נישט קיין אַנדערער ווי טשאַרלי האָט אײַנגעשפּאַנטביידע פֿערדלעך און האָט אָנגעלייגט אַ האַלבע פֿור מיט היי. אין דעם זעלבן אָוונט זענען העניע און רוכקע שוין געווען אין דער קאָמונע "וויאָ נאָוואַ"...

אַלע בחורות פֿון דער קאָמונע זענען געלאָפֿן צו די צוויי שוועסטער ווינטשן זיי אַ מזל־טובֿ! רוכקע מיט העניען האָבן זיך געוווּנדערט פֿון אַזאַ צו־להכעיס – מוניעס מיידעלע פֿון זײַן ערשט

מוּנְיָה

מוניה היה הבחור היפה ביותר בפלוגה. קומתו הגבוהה, בלוריתו החומה העבותה, כל דמותו וצורתו כמו הכריזו: "התבוננו בי!" ואכן, כל הבחורות הסתכלו עליו. חלקן עשה זאת בהיחבא וחלקן בגלוי. אך בינתיים מי שהביטה בו יותר מכולן הייתה רוֹחְקֶה יֶרְזֶ'צְקִי, והיא לא שמרה זאת בסוד. להפך, היא נהגה להכריז בקול רם בחדר האוכל:

"אלקינד עשה לנו טובה גדולה מאוד. לא פרדסים ולא כרמים, רק שדות ערבה שוממים. אבל כשאת הולכת עם גדודניק, אפילו בתוך שדה שומם זהו דבר שונה לחלוטין."

לֵייבְּקֶה קיבל את הכינוי "צ'רלי" כיוון שדמה לצ'רלי צ'פלין. ואכן, אותו לייבקה צ'פלין אמר בחדר האוכל: "מדוע מבלבל מוניה את ראשה של רוחקה? ראיתי במו עיניי כיצד מוניה נושא בזרועותיו האתלטיות את אחותה של רוחקה, את הניה, ומכך אפשר להסיק שגם הניה מוצאת חן בעיניו..."

בינתיים, הזמן חלף במהירות והגיע היום שבו הובילו את רוחקה ואת אחותה הניה לבית היולדות בסאקי. הן לא נשארו שם זמן רב. צ'רלי, הוא ולא אחר, רתם את שתי הפרדות ומילא כמחצית העגלה חציר. באותו ערב היו כבר הנקה ורוחקה בקומונה "ויה נובה"...

כל הבחורות רצו אל שתי האחיות לאחל להן מזל טוב! רוחקה והנקה השתוממו – הילדה של מוניה מאשתו הראשונה כלל לא

ווײַב איז לחלוטין נישט געווען ענלעך צו אים, ווי מע זאָגט: "אַז ער אָדער זי זענען ענלעך צו אַ פֿאַרבײַגייענדיקן מאַנצביל". די נײַע צוויי געבוירענע מיידעלעך זענען געווען אויסגעגאָסן מוניע... ווען ער וואָלט אַפֿילו פֿון גאַנצן האַרצן געוואָלט פּטור ווערן פֿון זיי, וואָלט ער נישט געקאָנט, ווײַל אַפֿילו אַ בלינדער קאָן זען, אַז מוניע איז זייער טאַטע...

מוניע אַליין האָט נישט געלייקנט. ער האָט אַפֿילו הויך געזאָגט אין חדר־האוכל:

– מײַנע טעכטערלעך ווייסן אויף ווען זיי דאַרפֿן זײַן ענלעך!

דמתה לו, כמו שאומרים "הוא או היא דומים לאיזשהו ברנש חולף". שתי הילדות החדשות היו כמו העתקים של מוניה... גם אילו רצה בכל לבו להיפטר מהן, הוא לא היה מצליח, כיוון שאפילו עיוור היה יכול לראות שמוניה הוא אביהן של השתיים...

מוניה עצמו לא הכחיש זאת. הוא אפילו אמר בקול בחדר האוכל: "הבנות הקטנות שלי יודעות למי הן צריכות לְדַמוֹת!"

טאַגער

ביז דעם ״קרימער אומגליק״ האָט טאַגער זיך גוט געפֿילט אין דער קאָמונע. ער האָט זיך געוויצלט, געלאַכט.

ער האָט זיך געוווּנדערט: אויף דער לאָפּעטע פֿלעגט זיך דאָס ברויט ביַי טאַגערן אַריַינזעצן גאַנצערהייט, נאָר אַרויסנעמען פֿלעגט ער שטיקלעכוויַיז. ער פֿלעגט זיך פֿאַרענטפֿערן:

– וואָס זאָל איך טאָן, חבֿרה! ס׳איז מער האָבערנע און גערשטענע מעל, איידער קאָרענע...״.

אָבער איצט האָט ער זיך אין גאַנצן נישט געחכמעט און האָט זיך נישט געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן, וויַיל אין דער קאָמונע ״וויִאָ נאָוואַ״ פֿלעגט מען ברענגען ברויט פֿון עווּפּאַטאָריע. נאָר דער וואָס האָט אַ דורכדרינגלעך אויג, האָט געקאָנט באַמערקן אַז טאַגער איז אַ פֿאַר־ביטערטער, אַ פֿאַרטרויערטער, ווען ער האָט אין חדר־האוכל געטיַיטלט מיטן פֿינגער אויף עלקינען און געזאָגט צו אים מיט באַקציין:

– מענדל עלקינד! דריי זיך נישט פֿאַר מיַינע אויגן, באַשטעל זיך אַ שומר פֿון דער גע־פּע־או און זיץ אין געהאַקטע ווונדן אין דיַין חורבֿה. ס׳זענען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן דיך אומבאַדינגט אַוועק־שיקן אין דער בעסערער וועלט... און איך בין דער ערשטער. פֿאַרשווינד פֿון מיַינע אויגן, וויַיל איך בין איבער זיך קיין בעל־הבית נישט! איך ווייס נישט ווען, אָבער איך וועל דאָס טאָן...

טאַגער איז געווען צו פֿיל זיכער אין זיך. ער האָט נישט געקאָנט וויסן, אַז אין אַ טאָג אַרום וועלן גראָד קומען די חבֿרים פֿון גע־פּע־או און עלקינדן אַוועקפֿירן, און ביז הײַנטיקן טאָג...

טאַגער איז בעת איינעם אַ שווערן עטאַפּ, הינטער וואָרקוטאַ, געפֿאַלן, אַן אויסגעשעפּטער, און זיך געבעטן ביַי די קאָמונאַרן, וואָס זענען געגאַנגען מיט אים:

– כ׳קען מער נישט גיין, הרגעט מיך אַוועק, און אויב איר זענט בעלי־רחמנות, דעקט מיך צו מיטן וואַטניק, און פֿאַרשיט מיך מיט שניי!

די קאָמונאַרן האָבן געטאָן זיַין רצון...

טָגֶר

עד ל"אסון קרים" טגר הרגיש טוב בקומונה. הוא היה מתבדח וצוחק.

טגר השתומם: על המרדה היה הלחם נכנס לתנור והוא שלם, ואילו מהתנור הוא היה יוצא בחתיכות. טגר נהג להתנצל:

"מה יכול לעשות, חבר'ה! זה בגלל שהלחם מכיל יותר קמח שיבולת שועל ושעורה, ופחות קמח חיטה..."

אולם כעת הוא לא התבדח וגם לא היה צריך להתנצל, כי לקומונה "ויה נובה" הביאו לחם מאבפטוריה. אך מי שהייתה לו עין בוחנת יכול היה להבחין שטגר מתהלך ממורמר ומאוכזב. פעם בחדר האוכל הוא נופף באצבעו כלפי אלקינד ואמר לו בפה קפוץ:

"מגדל אלקינד! אל תסתובב לי מול העיניים. תזמין לך שומר מן ה־גֶ-פֶּ-אוּ ושב בחורבה שלך. אין שום ספק: יש מי שמבקשים לשלוח אותך לעולם שכולו טוב... ואני הראשון שבהם. תיעלם לי מהעיניים, כי אני לא לגמרי שולט בעצמי. אני לא יודע מתי, אבל אני עוד אעשה זאת..."

טגר היה יותר מדי בטוח בעצמו. הוא לא היה יכול לדעת שלמחרת יבואו דווקא החברים מן ה־גֶ-פֶּ-אוּ ויקחו את אלקינד, ועד היום הזה...

במהלך צעדה ארוכה וקשה של אסירים באזור וורקוטה נפל טגר באפיסת כוחות. הוא התחנן לקומונרים שהלכו איתו:

"אינני מסוגל ללכת עוד. המיתו אותי. ואם אתם רחמנים, כסו אותי במעיל המרופד בצמר גפן ופזרו עלי שלג!"

והקומונרים מלאו את מבוקשו...

עפּילאָג

אפילוג

דער פֿילם "גדוד העבֿודה"

גאַנץ פֿרי, אין די סאַמע אָנגעשטרענגסטע שעהען, בעת חנה אַרבעט, הערט זי פּלוצעם עטלעכע קלעפּ אין טיר. זי עפֿנט און זעט אַ סימפּאַטישן הויכן מאַנצביל און אַ נישט־הויכע שוואַרץ־חנעוודיקע פֿרוי.

– אָ, דאָס זענט איר – האָט חנה מקבל־פּנים געווען דעם מאַנצביל.

איר געדענקט, איך בין געפֿאָרן מיט אײַך צו דער תּחנה מרכּזית נאָך דער פֿאַרזאַמלונג אין תּל־אָבֿיבֿ וועגן "גדוד העבֿודה"?

– בסדר, אני שׂמח שאַת זוכרת.

– נאָר עבֿרית רעדסטו? קיין ייִדיש קענסטו נישט?

ער ווײַזט מיטן פֿינגער אויף דער פֿרוי, בעט זי אַרײַן אין שטוב און די פֿרוי זאָגט חנהן אויף רוסיש:

– איך פֿאָר מיט דערפֿאַר, ווײַל ס'איז גרינגער פֿאַר אים ווען איך זעץ אים איבער פֿון רוסיש, וואָס ער פֿאַרשטייט נישט. מען רופֿט מיך אילנה. אים רופֿט מען רענן פּאַטייקין. אויב אײַך איז ניט שווער אויפֿצושטיין פֿרי, וועלן מיר מאָרגן פֿינף אַ זייגער קומען נאָך אײַך. ער וויל אָנהייבן מיט אײַך אַרבעטן איבער אַ פֿילם פֿאַר דער טעלעוויזיע וועגן "גדוד העבֿודה".

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר חנהן די אומדערוואַרטע אַרבעט, וואָס האָט זי פֿאַרשלעפּט צו יענע פֿאַרגאַנגענע טעג. דער רעזשיסאָר פֿון פֿילם האָט געפֿונען עטלעכע גדודניקעס אײדער ער איז געקומען צו חנהן. ווען די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן, האָט חנה פֿאַרשטאַנען אַז פּאַטייקין וועט ניט דערלאָזן קיין אומ־פּינקטלעכקייטן.

אין אָנהייב האָט חנה נישט געקענט וויסן וויפֿל מענטשן וועלן נעמען אָנטייל אין דער אַרבעט, אָבער אַ זייגער אַכט אין דער פֿרי האָט זיך פּאַטייקינס אויטאָ אָפּגעשטעלט לעבן אַ קליינעם אויטאָבוס. פֿון דאָרטן זײַנען אַרויסגעגאַנגען דרײַ מאַנצבילן און

הסרט "גדוד העבודה"

בשעה מוקדמת למדי בבוקר, בשעות הלחוצות ביותר, בעוד חנה עובדת, היא שומעת לפתע נקישות אחדות בדלת. היא פותחת והנה היא רואה גבר גבוה וסימפטי, ולצדו אישה לא גבוהה, שחרחורת וחיננית.

"אה, זה אתה", קיבלה חנה את פניו של הגבר. "אתה זוכר, נסעתי איתך לתחנה המרכזית אחרי האסיפה בתל־אביב על גדוד העבודה".

"אני שמח שאת זוכרת."

"אתה דובר רק עברית? יידיש אינך יודע?"

הוא מורה באצבע אל עבר האישה, מבקש ממנה להיכנס הביתה, והאישה אומרת ברוסית:

"אני מצטרפת לנסיעה כי עוזר לו שאני מתרגמת לו מרוסית, שפה שהוא אינו מבין. קוראים לי אילנה. לו קוראים רענן פָּטֵייקִין. אם לא קשה לך להשכים בבוקר, אנחנו נבוא לקחת אותך בשעה חמש. הוא רוצה להתחיל לעבוד איתך על סרט לטלוויזיה, סרט על גדוד העבודה."

כך החלה עבור חנה העבודה הבלתי צפויה אשר גררה אותה לאותם ימים רחוקים. במאי הסרט הצליח למצוא גדודניקים ספורים בלבד לפני שהגיע אל חנה. כשהעבודה החלה, הבינה חנה שפטייקין לא יאפשר אי־דיוקים.

בהתחלה, חנה לא הייתה יכולה לדעת כמה אנשים ישתתפו בעבודה. אך בשעה שמונה בערך עצרה מכוניתו של פטייקין ליד מיניבוס. יצאו ממנו שלושה גברים ושתי נשים, חטיבה נכונה לעשות

צוויי פֿרויען, אַ בריגאַדע, וועלכע וועט טאָן אַלץ, וואָס דער רעזשיסאָר דאַרף. פֿאַטייקין איז אַוועקגעגאַנגען און ס'האָט היפּש געדויערט ביז ער איז צוריקגעקומען מיט אַ באַיאָרטער פֿרוי:

– דאָס איז מינע, זי איז אויך געווען אין גדוד. רעדט מיט איר, חנה.

– מינע, דו געדענקסט לאהן בריל, וואָס האָט געאַרבעט בײַ די קינדער? פֿינף און צוואַנציק קינדער האָט זי געהאַט. ניט געוואָלט קיינעמס הילף, געקאָרמעט, געבאָדן, געראָמט די צימערן, געוואַשן די נאַכט־טעפּלעך. אין פּלוגה האָט מען געזאָגט, אַז זי פֿאַרגעסט צו עסן...

– בטח געדענק איך, כאָטש איך האָב געאַרבעט אין קיך.

דאָס איז געווען אַן אַרבעט, אַז איך פֿלעג ניט וויסן ווו אַהינטאָן די הענט בײַ נאַכט, אַזוי האָבן זיי מיר ווײי געטאָן. אָנהייבן דערמאָנען אַלץ וואָס ס'איז געווען אין גדוד, קאָן מען מיינען, אַז דאָס איז אַן אויסטראַכטעניש. איסאַטשקע ווישנעווסקי שטייט מיר פֿאַר די אויגן. ער פֿלעגט אויפֿן רימען, פֿאַר די אויערלעך, האַלטן די ספּלים, אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן טשײַניק מיט קאַקאַאָ, און ווער ס'איז אים אַנטקעגן געקומען, דער האָט געטרונקען, דיר האָט ער אויך געגעבן, חנה?

– מסתּמא האָט ער מיר געגעבן. אָבער איך געדענק בעסער, ווי אַלע מאַמעס פֿלעגן זיצן אַרום אַ נידעריקן קײַלעכדיקן טיש, מיט די קינדער בײַ די בריסט, און ווי יעווועלע פּופּקע פֿלעגט פֿון גרויסן טשײַניק אַלעמען געבן טיי מיט מילך. האָסט עס נישט פֿאַרגעסן, מינע?

דער שמועס האָט געדויערט ביז פֿאַר נאַכט. ס'איז שוין פֿינצטערלעך געוואָרן בעת אילנה האָט געפֿרעגט:

– חנה, איר האָט ווו צו נעבטיקן אין ירושלים?

– זיכער, זי וועט נעבטיקן בײַ מיר, – האָט מינע אויסגערופֿן.

חנה האָט באַוווּנדערט מינעס דירה: דרײַ גרויסע צימערן, די קיך אויך ניט קיין קליינע, דער קילשראַנק גרייכט כּמעט ביז צו דער סטעליע. אין אַלע צימערן שאַפּעס און שטולן, און טישן. בילדער אויף די ווענט, וואָס האָבן איינער צום אַנדערן קיין שײַכות ניט.

כל מה שהבמאי צריך. פטייקין נסע, ולאחר זמן ממושך למדי שב עם אישה באה בימים.

"זוהי מינה, גם היא הייתה בגדוד. דברי איתה, חנה."

"מינה, את זוכרת את לאה בריל, שעבדה עם הילדים? היו לה עשרים וחמישה ילדים. היא לא רצתה שום עזרה. היא האכילה, רחצה, ניקתה את החדרים, צחצחה את סירי הלילה. בפלוגה אמרו שהיא שוכחת לאכול..."

"בטח שאני זוכרת, על אף שעבדתי במטבח. זו הייתה עבודה. בלילות לא מצאתי היכן להניח את הידיים מרוב כאבים. אם נתחיל להזכיר את כל מה שהיה בגדוד, יחשבו שהכול פרי הדמיון. אִיסַצְ'קֶה וישנייבסקי ניצב מול עיניי. הוא נהג לתלות את הספלים על החגורה שלו, וביד הוא החזיק קומקום גדול עם קקאו, וכל מי שבא לקראתו שתה. האם גם לך הוא נתן לשתות, חנה?"

"מן הסתם הוא נתן גם לי. אך אני זוכרת יותר כיצד כל האימהות היו יושבות סביב שולחן נמוך ועגול, הילדים צמודים לשדיהן, ויֶבֶלֶה פּוּפְּקֶה הייתה נותנת לכולן תה עם חלב מתוך קומקום גדול. לא שכחת את זה, מינה?"

השיחה התארכה עד לפנות ערב. כבר שררה אפלולית כשאילנה שאלה:

"חנה, האם יש לך היכן ללון בירושלים?"

"ודאי, היא תלון אצלי", אמרה מינה.

חנה התפעלה מדירתה של מינה: שלושה חדרים גדולים, גם מטבח לא קטן. המזווה היה מלא כמעט עד לתקרה. בכל החדרים ארונות, כיסאות ושולחנות. תמונות על הקירות, ללא קשר זו לזו.

נאָר מער פֿון אַלץ איז חנה געווען פֿאַרוווּנדערט פֿון די אומצאָליקע גלעזער אויף די פּאָליצעס, און פֿון די שטויסן טעלער. זי האָט אַפֿילו געפֿרעגט:

– מינע, וואָס דאַרפֿסטו אַזוי פֿיל טעלער?

נאָר מינע האָט עס פֿאַרהערט, גענומען חנהן פֿאַר אַ האַנט, אַרײַנגעפֿירט זי אין צימער וווּ עס זײַנען געשטאַנען צוויי סאָפֿעס מיט אַ שרײַבטיש און געזאָגט:

– אָט דאָ וועסטו שלאָפֿן, ווילסט עסן אַ פֿרוכט, צי טיי, אָדער קעז?

– אַ דאַנק. איך וויל נאָר שלאָפֿן.

חנהן איז נישט באַשערט געווען צו שלאָפֿן די נאַכט. מינע האָט צוגערוקט אַ שטול צו דער סאָפֿע, וווּ חנה איז געלעגן און האָט דערציילט, ווי בײַ איר שוועסטער איז איין זון אומגעקומען אין דער יום־כּיפּורדיקער מלחמה און דער צווייטער זון גייט אויס פֿון דער סאַמע מאָדערנסטער קראַנקהייט...

באַגינען, בעת פֿאַטייקין און אילנה זײַנען געקומען נעמען חנהן, האָט זי פֿאַרשפּאָרט אויפֿצושטיין, ווײַל זי איז נישט געשלאָפֿן.

פֿון ירושלים איז די בריגאַדע געפֿאָרן קיין עין־חרוד צום בית־שטורמאַן. דאָרט איז דאָ אַן אָפּטיילונג אין מוזיי פֿאַרן "גדוד העבֿודה". אַלץ איז ווי אין אַלע מוזייען, די מכשירים, שטיינער, פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון גדודניקעס, אויפֿשריפֿטן – ווי ס׳וואָלט טאַקע געווען אויף דער אמתן...

ערשט איצט האָט חנה געזען וואָס מען לאָדט אויס פֿון קליינעם אויטאָבוס. די צוויי יונגע פֿרויען אירמה און ציפּורה האָבן גע־שלעפּט, ווי די מאַנצבילן. חוץ דעם, וואָס זיי האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט און עפּעס פֿאַרשריבן.

אין בית־שטורמאַן האָט דער רעזשיסאָר געבראַכט אייניקלעך פֿון די געוועזענע גדודניקעס. חנה האָט אָנגעהויבן מיט זיי אַ שמועס און דײַטלעך געזען דעם תּהום צווישן די זיידעס און די אייניקלעך. אָט זיצט אַנטקעגן איר יצחק לאַנדאָבערגס אייניקל. ער פֿאַרנעמט אַזוי ווינציק אָרט, ער האָט אַזוינע קליינע טונקעלע אויגן, אַ שמאָלן גוף. אָט דאָס איז יצחקס אייניקל?! יצחק איז געווען הויך,

יותר מכל השתוממה חנה מן הכוסות הרבות שעל האצטבאות ומערימות הצלחות. היא אפילו שאלה:

"מינה, לשם מה לך כל כך הרבה צלחות?"

מינה שמעה, לקחה את חנה בידה, הובילה אותה אל חדר שבו ניצבו שתי ספות ושולחן כתיבה, ואמרה:

"הנה, כאן את תשני. את רוצה לאכול פרי, לשתות תה, לאכול גבינה?"

"תודה, אני רוצה רק לישון."

באותו לילה נגזר על חנה לא לישון. מינה קירבה כיסא אל הספה שחנה שכבה עליה, וסיפרה איך בן־אחותה נפל במלמת יום הכיפורים, ועל כך שהבן השני גוסס מן המחלה המודרנית ביותר...

השכם בבוקר, כשפטייקין ואילנה באו לקחת את חנה, נחסך ממנה לקום מהמיטה, כיוון שכל אותו לילה היא כלל לא ישנה.

מירושלים נסעה החטיבה לעין חרוד, לבית שטורמן. במוזיאון קיים אגף מיוחד לגדוד העבודה. הכול כמו בכל המוזיאונים: המכשירים, האבנים, תצלומי הגדודניקים, כתבי היד... כמו היה זה באמת...

רק עתה הבחינה חנה במה שפרקו מהמיניבוס. שתי הנשים, אירמה וציפורה, סחבו כמו הגברים. חוץ מזה שהן צילמו וגם רשמו משהו.

אל בית שטורמן הביא הבמאי נכדים של גדודניקים לשעבר. חנה החלה לשוחח איתם, ובפירוש ראתה את התהום הפעורה בין הסבים ובין הנכדים. הנה יושב מולה הנכד של יצחק לנדוברג. הוא תופס מקום כה מועט. עיניו קטנות וכהות וגופו צר. זהו הנכד של יצחק? יצחק היה גבוה, בנוי כהלכה, עיניו אפורות־כהות ובעלות הבעה.

פּראָפּאָרציאָנעל געבויט, די אויגן טונקל־גרויע, אויסדריקלעכע. אויף זײַן פּנים האָט תּמיד געשײַנט אַ שמייכל. וואָס פֿאַר אַ ירידה! יצחק איז שפּעטער געוואָרן שׂדה! אַ באַוווּסטער מנהיג אין ישׂראל.

נישט איין מאָל האָט חנה געטראַכט: "ס'וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען די מיניסטערסקע ווײַבער וואָלטן כאָטש געזען, ווי ס'האָרעווען די פֿרויען און פֿאַרדינען אויף ברויט".

אויפֿן וועג קיין כּפֿר־גלעדי האָט מען זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קליינער געבײַדע, ווו מען האָט געקאָנט אָפּעסן. דוד, דער בעל־הבית פֿונעם געלט, האָט אַלעמען אַרײַנגעפֿירט אין שטוב. מען האָט זיך געזעצט בײַם טיש און דוד האָט באַשטעלט אַלץ, אַפֿילו גלידה. נאָכן עסן איז מען געפֿאָרן אין כּפֿר־גלעדי. חנה האָט נישט פֿאַרגעסן, אַז אין חדר־אוכל פֿון כּפֿר־גלעדי איז דעמאָלט נישט געווען קיין פּאָדלאָגע. אין די רעגנדיקע מאָנאַטן פֿלעגט אין חדר־אוכל אָנגעשלעפּט ווערן אַזוי פֿיל בלאָטע, אַז מען האָט געמוזט גיין פּאַמעלעך, כּדי זיך ניט אויסצוגליטשן. איצט איז אַלץ געווען אַנדערש. איצט זײַנען אַרום דעם חדר־אוכל געוואַקסן הויכעביימער און בלומען. בעת חנה איז מיט דער טעלעוויזיע־בריגאַדע צוגעגאַנגען צו דער טיר פֿון חדר־אוכל האָט זיך די טיר פֿון זיך אַליין געעפֿנט. דער חדר־אוכל איז געווען ענדלאָז. די טישן העלע, פּאָלירטע, צווישן די טישן שמאָלע טישלעך מיט וואַזעס בלומען. די פּאָדלאָגע האָט געבלאַנקט. מען האָט געבראַכט עסן: אייער, סמעטענע, אַ סאַלאַט פֿון גרינס, זיתים און באַנאַנעס. חנה האָט נישט פֿאַרגעסן וואָס פֿאַר אַן אָנבײַסנס זײַנען געווען אַ מאָל. ס'איז איר דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק: "מײַן האָרעוואַניע איז נישט געגאַנגען לאיבוד. זאָל נאָר זײַן שטיל..."

נאָכן עסן האָט פּאַטייקין אַוועקגעפֿירט די בריגאַדע אַהין, ווו עס זענען געשטאַנען טישן און בענק אונטער ביימער. ער האָט אַוועקגעזעצט חנהן לעבן דעם 92־יאָריקן יאָשקען, וואָס האָט געזאָגט צו הנהן אין אַ גוטן ליטווישן יידיש:

– חנקע, מיט דיר וועל איך רעדן יידיש, פֿאַר דעם רעזשיסאָר וועל איך נאָך דעם איבערזעצן אין עבֿרית. האָרך און דערמאָן זיך, ווי גרינג, ווי געמיטלעך, פֿרײַ, פֿריילעך, אומאָפּהענגיק און זיכער

על פניו קרן חיוך תמידי. איזו ירידה! יצחק הפך לאחר מכן לשדה, מנהיג ידוע בישראל!

לא פעם חשבה חנה: "יכול היה להיות לא רע אם נשות השרים היו לפחות רואות איך נשים עמלות כדי להרוויח את לחמן...".

